STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02626

GRAF POTOTSKI, ODER, DER GER TSEDEK

Moses Seiffert

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גראף פאטאצקי

אדער

דער גר צדק.

א היסטארישער ראמאן

פון

מ. זייפערט.

פרייז 5 סענט.

דרוק אונד פערלאג פון

די היברו פאבלישינג קאמפאני,

122-128 לעאנארד סט., ברוקלין, נויארק.

HEBREW PUBLISHING CO.,

122-128 Leonard Street, Brooklyn, New York.

POALE ZION LIBRARY
847 ST. LAWRENCE ST.
Montreal

גראף פאָטאָצקי אָדער דער גר צדק.

ערשטעס קאפּיטעל.

אהרן לובלינער, דער ארענדאטאר פון גראף סטאניסלאוו פּאָטאָצקי'ס מיהלען, איז געשטאנען אָהן א היטעל, נאר מיט א יארמעלקע בעדעקט, בייא דער טהיר פון דעם גרויסען אונד רייכאויסגעפּוצטען זאאל אין דעם גראף פּאָטאָצקי'ס הויז, אונד האט מיט גרויס אונגעדולד געווארט אויף דער תשובה, וואס דער גראף וועט איהם געבען אויף זיין בקשה.

דיא אידען פון דער קליינער שטעדטיל זעזמיר, וואס האט דאמאלס (אונגעפעהר מיט 100 יאָהר צוריק) צו דיא גיטער פון גראף סטאניסלאוו פּאָטאָצקי געהערט, האבען זיך ארומגעזעהן, דאס זייער בית־עולם האט שוין מעהר קיין פּלאטץ ניט פאר נייע מתים, אונד וויל זייא האבען געוואוסט, דאס ר' אהרן לובלינער איז זעהר חשוב בייא דעם גראף, האבען זייא זיך צו איהם געווענדעט מיט דער בקשה, ער זאָלל בייא דעם גראף אויסווירקען א שטיקעל ערד, וואס זאָלל דעם בית־עולם פערגרעסערן. ר' אהרן האט דיא זאך בעטראכט פאר א דבר מצוה אונד איז היינט געקומען צום גראף אונד האט איהם דיא זאך פאָרגעלעגט אין זייער ווארעמע אויסדריקען.

דער אלטער גראף סטאניסלאוו, וואס איז געזעססען בייא דעם קאמין, אין וועלכען עס האט געברענט א לוסטיגער פייער אונד האט גערויכערט פיינעם טערקישען טאבאק פון א לאנגע פייף, איז נאך אלץ געזעססען רוהיג אויף זיין פּלאטץ אונד האט גאר נישט געענטפערט.

זיין ווייב, דיא גרעפין יאדוויגא פּאָטאָצקי, איז געזעססען בייא דעם טיש מיט דעם גלח אנטאָניאָ בולהאק אונד האט מיט איהם אין דער שטילל גערעדט וועגען איהר זוהן אדאם פּאָטאָצקי, וואס האט היינט געדארפט קומען צוריק פון אויסלאנד.

מיינענדיג, אז דער גראף האט איהם אין גאנצען פערגעססען, האט אהרן לובלינער געוואגט א הוסט צו טהאָן, אום דעם גראפס אויפמערקזאמקייט אויף זיך צו לייטקען.

דער גראף אָבער האט זיך נאך אַלץ ניט גערירט. ער האט מיט גרויס ערנסט אריינגעקוקט אין דיא העללע פלאַממען פון קאמין, אזוי וויא ער וואָללט דאַרטען א גאנץ נייע וועלט ענטדעקט אונד האט געבלאָזען פון זיין מויל לאנגע שטראהלען פון רויך.

— „סטאניסלאוו!“ — האט דיא גרעפין יאדוויגא פון טיש אויסגערופען — „האסט דוא פערגעסען אז אראָן ווארט אויף דיין ענטפער?“

דער גראף האט אוועקגעשטעללט זיין פייף אין א ווינקעל, האט א ווילע גע־דרעהט זיינע וואָנצעס אונד איז אויפגעשטאנען.

— „הם, פאניע אראָן“ — האט ער האלב געגעצענדיג אויסגערופען — „איהר זאגט, אז דיא אידען פון זעזמיר פערלאנגען א שטיק ערד — — אָבער דיא זאך איז דיא......“

איידער ער האט געקענט ענדיגען דעם זאטץ, האט זיך דיא טהיר האסטיג אויפגעעפענט אונד יאנעק דער לאקייא איז האסטיג אין זאאל אריינ־געקומען.

— „ער קומט!“ — האט ער אויסגערופען — „דער יונגער גראף קומט!“

— „שוין?....“ וואו? — האט דיא גרעפין יאדוויגא אויסגערופען — „אזוי גיך?“

זיא איז פון איהר שטוהל האסטיג אויפגעשטאנען. איהר געזיכט האט גע־שטראהלט אין אונענדליכער פרייד.

אויך דער גלח איז אויפגעשטאנען אונד איז צוגעגאנגען צום פענסטער, וואס האט ארויסגעקוקט אויף דעם הויף.

— „נאך אימיצער קומט מיט איהם!“ — האט דער גלח אויס־גערופען.

— „דאס מוז זיין דער יונגער גראף באָגוסלאוו זארעמ־באַ!“ — האט דער אַלטער גראף געענטפערט — „מיין אדאם האט מיר געשריעבען, דאס ער ברענגט איהם צו אונז צו גאסט אויף עטליכע וואָכען.“

— „מיין קינד!.... מיין איינציגער!“ — האט דיא גרעפין געהענדיג צום פענסטער אויסגערופען אונד א שטראָם טרעהרען האט איבער איהרע בלייכע באַקען געפלייצט.

ווי צוויא יונגע הירשען, פריש, מונטער אונד פולל לעבענסקראפט האבען דיא צווייא יונגע גראפען אדאם פאטאצקי אונד באגוסלאוו זארעמבא אין זאאל אריינגעשטורעמט.

ביידע הויך געוואקסען, פיין קערפערליך ענטוויקעלט, מיט אינטעלליגענטע געזיכטער, אבער אהן א שום עלעגאנץ אין זייערע קליידער.

דער טיעפער ערנסט, וואס האט ארויסגעקוקט פון זייערע אויגען, האט זעהר שטארק ניט געהארמאניערט מיט זייער יוגענד.

דיא בעגריסונג אונד דער עמפפאנג איז געווען זעהר הערצליך. צעהן מאל נאך איינאנדער האט דיא גליקליכע מוטער איהר איינציגען זוהן אין איהרע ארעמס געשלאסען אונד אונטער א גאנצען ים פריידענס־טרעהרען האט זיא איהם צו איהר ברוסט צוגעדריקט.

— „מיין איינציגער, מיין טהייערער אדאם!" — האט זיא יעדעס מאל מיט א בעוועגטע שטיממע אויסגערופען.

אויך דער אלטער גראף סטאניסלאוו האט זיך צולאזען אין צערטליכקייטען. ער האט עטליכע מאל זיין זוהן אומגעארעמט אונד לאכענדיג מיט טרעהרען האט ער געשטאמעלט:

— מיין געלעהרטער!... מיין פהילאזאף!... דוא ביזט דיא קרוין פון דיא פאטאצקים!"

דער איד אהרן לובלינער אונד דער גלח אנטאניא בולהאק זיינען געווען דיא שטומע עדות פון דיעזער ריהרענדער סצענע.

אויף דעם יונגען גראף זארעמבא האט מען מיט גרויס הערצליכקייט בעגריססט.

אונד אלס דער שטורם איז שוין שטיל געווארען, האט דיא גרעפין, ווייזענדיג אויף דעם גלח אנטאניא בולהאק, אויסגערופען:

— „דאס איז אונזער פראבאסץ (פארשטעהער פון דער קירכע) אנטאניא בולהאק! ווילסט דוא איהם בעגריסען, מיין קינד, אונד זיין ברכה עמפפאנגען?"

גראף אדאם פאטאצקי האט זיך צו איהם לאנגזאם געווענדעט אונד האט איהם מיט א געוויסע נאכלעסיגקייט דיא האנד דערלאנגט.

דער גלח האט זיין האנד אויף דעם יונגען גראפס קאפ ארויפגעלעגט אונד האט עפעס וואס מיט האלבער שטימע צוגעמורמעלט.

דאן האט ער אויפגעהויבען דעם זילבערנעם צלם, וועלכען ער האט אויף א שווארצען באנד אויף זיין ברוסט געטראגען אונד האט עס צו אדאמס ליפען צוגע־טראגען.

אדאם, אזוי וויא ער וואלט דעם צלם נישט בעמערקט, האט צוריס גע־טרעטען.

אנטאניאס געזיכט איז בלייך געווארען אונד א בליטץ פון צארן האט פון זיינע אויגען ארויסגעשאסען.

— „ווילסט דוא דעם הייליגען קרייץ נישט א קוש טהאן, מיין קינד?" — האט דיא גרעפין מיט שרעקען געפרעגט.

— „אך, מוטער!" — האט אדאם מיט א מיענע פון פערדרוס געענט־פערט — „דאס זיינען נאר אלטע זיטען.... זייא האבען שוין לאנג זייער צייט אבגעלעבט... זייא הארמאניערען גאר ניט מיט אונזער צייט, דיא צייט פון בילדונג אונד אויפקלערונג."

אלע דרייא דער אלטער גראף סטאניסלאוו, דיא גרעפין יאדוויגא אונד דער יעזואיטישער גלח אנטאניא זיינען געשטאנען וויא פערשטיינערט אונד האבען דעם יונגען גראף מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען אנגעקוקט.

דערווייל האט אדאם דעם ארענדאטאר אהרן לובלינער בעמערקט. זיין גע־זיכט האט פלוצלינג איין אויסדרוק פון הערצליכער פרייד אנגענומען אונד מיט גרויס האסט איז ער צו איהם צוגעגאנגען.

— „אה, פאניע אראן, מיין אלטער פריינד!" — האט ער אויסגערופען אונד האט איהם זיין האנד דערלאנגט — „וויא געהט עס? וואס מאכט איהר? איך בין אייך זעהר דאנקבאר, דאס איהר זייט געקומען מיך צו בעגריסען!"

ר' אהרן האט זיך אייגגעבויגען אום דעם גראפס האנד צו קושען.

— „ניין, ניין!" — האט אדאם האסטיג אויסגערופען אונד האט זיין האנד צוריקגעצויגען — „ניט קושען!... אויך דאס איז איין אלטע אונד אבגעלעבטע זיטע, וועלכע עס האט שוין קיין זינן אין אונזער צייט... ניט אומזיסט, מיין פריינד, האב איך פינף יאהר אין אויסלאנד געשטודירט. דיא וויססענשאפט האט מיך געלערנט צו וויססען, דאס א האנד פון א גראף איז ניט בעשאפען געווארען דאס מען זאל זיא קושען, נאר דאס זיא זאל גוטעס טהאן, ווייל זיא איז א מ ע נ ש־ל י כ ע האנד!"

— „אה, הערר גראף!" — האט אהרן זעהר גערוהרט אויסגערופען —

„שוין פאר ד י א ווערטער אלליין חאט איהר פערדיענט, מען זאָלל אייך קושען.“

— „אונד וואס מאכט אייער פרויא אסתר?“ — האט אדאם געפרעגט — „קאָכט זיא נאך אזעלבע געשמאקע פיש, מיט וועלכע זיא פלעגט מיך יעדען פרייטאג אבענד טראַקטירען? אונד אייער ליעבע טאָכטער מינא? זיא מוז שוין געווים א גרויסע פאננא (פריילין) זיין? אונד שעהן מוז זיא זיין וויא דער מאָרגענשטערן! וויא געהט עס איהר? דערמאָנט זיא מיך עפּעס? געדענקט זיא נאך וויא זיא פלעגט זיך מיט מיר שפּיעלען אין מיין פאטערס פּארק? קאָזט איהר גריססען, פאניע אראַן, אונד זאגט איהר, אז איך וועל איהר שנעלל וויא מעגליך בעזוכען!“

— „איך דאנק אייך, הערר גראף, פאר אייער פריינדליכע נאכפראגע!“ — האט אהרן לובלינער געענטפערט — „אייער פריינדליכען גרוס וועל איך בעשטעלען אונד אייער בעזוך אין מיין הויז וועט מיר גרויס עהרע פערשאפען. יעטצט אָבער מוזט איהר מיר ענטשולדיגען; איך מוז שוין געהן!“

ער האט זיך פערנייגט אונד האט זיך געווענדעט צום געהן.

— „ווארט נאך איין אויגענבליק, פאניע אראָן!“ — האט אדאם אויסגע־רופען — „ווען איהר זייט נישט געקומען מיך צו בעגריסען, וואס דען האט אייך אהער געפיהרט?“

— „עפּעס א שטיקעל געשעפט, הערר גראף“ — האט אהרן געענטפערט — „דיא אידען פון זעזמיר וויללען האבען א שטיקעל ערד מעהר פאר זייער בית-עולם אונד האבען מיך געבעטען, איך זאָלל עס בייא אייער פאטער אויסווירקען.“

— „נו?... אונד מיין גוטער פאטער האט עס אייך געווים בעוויליגט?“

— „איך ווייס ניט, הערר גראף!“ — האט אהרן געענטפערט אונד האט וויא אין א פערלעגענהייט זיינע אויגען צו דער ערד ארונטערגעלאָזען — „דער הערר גראף האט מיר נאך קיין ריכטיגע תשובה געגעבען.“

אדאם האט זיך האסטיג צום אלטען גראף געווענדעט.

— „פאטער!“ — האט ער אויסגערופען — „דוא וועסט דאָך דיינע ארעמע אידען פון זעזמיר זייער גערעכטע בקשה נים ענטזאגען!“

— „ווארום נים?“ — האט דער אלטער גראף עטוואס געררייצט צוריק גע־פרעגט — „האב איך דען שטיקער ערד צו פערוואַרפען?“

— „אָבער א בית־עולם מוזען זייא דאָך האבען!“ — האט אדאם אין א

גערייצטען טאָן אויסגערופען — „זייא קענען דאָך זייערע מתים אויף דעם פלאַנעט מארס ניט מקבר זיין!“

— „אך!... וואס קימערן מיך דיא אידישע אינטערעסען!“

— „זייא מוזען דיך אינטערעסירען, פאטער! ערשטענס, אלס מענש, אונד צווייטענס, זיינען דאָך דיא זעזמיר אידען דיינע אידען!“

— „מיינע אידען!“ — האט גראף סטאניסלאוו מיט איראָניע אויסגערופען — „איך וואָלט זייא גערן אימיצען אוועקגע־שאָנקען!“

— „האַ! האַ! האַ!“ — האט דער גלח אנטאָניאָ מיט א געלעכטער ארויסגעפלאַטצט — „גוט געזאגט, יאך באָגא קאָכאם!... זעהר גוט געזאגט!... האַ! האַ! האַ!“

אדאמס געזיכט האט זיך פלוצלינג וויא אין העללע פלאַממען אָנגעצונדען. זיינע הימעלבלויע אויגען האבען געשאָססען גאנצע גארבען פונקען. ער האט זיך צום גלח האסטיג צוגעווענדעט אונד האט מיט ציטערענדער שטיממע אויסגערופען:

— „שווייגט!... פון אייערע ליפּען קלינגט מיר דאס געלעכטער נאָך העס־ליכער, נאָך עקעלהאפטער... איהר זייט, וויא איהר מאכט דיא וועלט גלויבען, דער שטעללפערטרעטער פון גאָטט אויף דער ערד... גאָטט איז דיא ליעבע, אונד איהר, אלס זיין שטעללפערטרעטער, מוזט ליעבע אונד פריעדען אונטער דיא מענשען איינפלאנצען. טהוט איהר דאס? ניין, איהר טהוט דאס ניט! איהר טרעט גאָטטס געבאָט אונד זיין היילינען ווילען מיט אייערע גראָבע אונד שמוציגע פיסס... אנשטאט מיין פאטער זיין אונרעכט צו בעווייזען, שטיממט איהר איין אין זיין אונרעכט... וועה אָבער אזעלכע פריעסטער! אונד טויזענד מאל וועה איבער אזעלכע שטעללפערטרעטער פון גאָט! זייא פערדארבען דיא וועלט אונד פער־וואנדלען דיא מענשען אין ווילדע חיות... אָבער אייביג וועט דאס ניט געדויערן! עס וועט קומען דיא צייט, דיא ליכטיגע צייט, ווען בילדונג אונד אויפקלערונג וועלען פון אייך נקמה נעהמען... שרעקליך וועט דיא נקמה זיין!... וויא א שטורמווינד וועט דיא ציוויליזאַציאָן אונד דיא וויססענשאפט איבער אייערע קעפּ אריבער־פאָהרען, זייא וועלען אללע אייערע פאלשע געטטער אונד געטצען, אללע אייערע פאלשע היילינטהימער פערניכטען אונד צערשטערן, אייערע טויזענדיעהריגע לופט־שלעססער, וועלכע איהר האט פון פאנאטיזמוס, אָבערגלויבען אונד מענשענהאסס אויסגעבויט, וועלען וויא שוואכע שערבלעך צוזאממענפאלען אונד איהר, פאלשע כהנים, איהר וועט אונטער זייערע חורבות בעגראָבען ווערן!“

אונד מיט א האסטיגען רוק צו דעם יונגען גראף באָגוסלאוו זארעמבא זיך ווענדענדיג, האט ער אויסגערופען:

— „קום, מיין פריינד! לאָמיר געהן צו מיר אין צימער אריין!“

וויא פאראליזירט זיינען אללע אויף זייערע פלעטצער געשטאנען. יעדעס וואָרט פון זיינע ליפּען האט זייא וויא א שרעקליכער דונער געטראָפען. זייא זיינען ערשט דאן צו זיך געקומען, ווען דער יונגער גראף אדאם איז שוין נאָהענט פון דער טהיר געוועזן.

— „אדאם!... מיין קינד!“ — האט דיא גרעפין אויסגערופען.

— „האלט! ניט פון דער שטעללע!“ — האט דער אלטער גראף מיט שוים אין מויל אונד ציטטערענדיג פאר כעס אויסגערופען — „דוא מוזט דיינע ווערטער צוריק נעהמען!... דוא מוזט בייא דעם היילינען קאָנדזי-פראָבאָסץ אום פערצייהונג בעטען!“

— „פערצייהונג?... פאר דעם אמת, וואס איך האב איהם געזאגט?“ — האט אדאם מיט א ביטערן שמייכעלע געענטפערט — „דאס פאללט מיר גאר ניט איין!“

— „איך זאג דיר, דוא זאָלסט בעטען, ער זאָל דיר מוחל זיין!“ — האט דער אלטער גראף געשריען — „ווען ניט...“

זיין שטימע איז פאר כעס דערשטיקט געוואָרען.

— „נון?“ — האט אדאם קאלטבלוטיג געפרעגט — „אונד ווען ניט?“

— „דאן ביזט דוא מעהר ניט מיין זוהן!“

— „אָה, דאס בין איך שוין לאנג ניט!“ — האט אדאם אין א טרויעריגען טאָן געענטפערט.

— „שוין לאנג ניט?“ — האט גראף סטאניסלאוו איבערגעפרעגט — „אונד פון וועלכע צייט אָן?“

— „זינט איך האב געלערנט, אז אויך א פאטער קען מען נאָר דאן אכטען אונד ליעבען, ווען ער איז א מענש מיט מ ע נ ש ל י כ ע ג ע פ י ה ל ע ן!“

— „אונד איך בין קיין מ ע נ ש נ י ט?“ — האט זיך דער אלטער נעקאָכט.

— „דוא ביזט איין אנטיסעמיט!“ — האט אדאם רוהיג געענטפערט — „דוא האסט פון דיינע גלחים געלערנט צו האסען מענשען נאָר דערפאר, ווייל זייא גלויבען אנדערש וויא דוא, אונד אזא מענש איז ניט ווערטה דעם היילינען נאמען „מענש“ צו טראגען!“

ער האט דאס ארויסגערעדט אונד איז מיט דעם יונגען גראף זארעמבא פון זאאל ארויס געגאנגען.

אויך אהרן לובלינער האט שטיללערהייד דעם זאאל פערלאזען.

וויא פון דעם בליטץ געטראפען איז גראף סטאניסלאוו געפאללען אויף א שטוהל אונד אונטער א מבול טרהרען האט ער אויסגערופען:

— „איז דאס מיין קינד?.... איז דאס א צווייג פון דיא פאטאצקים?"

— „דאס האט אייך גאטט געשטראפט, הערר גראף!" — האט זיך דער גלח אבגערופען — „וויפיעל מאל האב איך אייך געווארנט, איהר זאללט אייער זוהן נישט לאזען שטודירען פהילאזאפיע? איהר האט מיך נישט געהערט.... יעצט זעהט איהר אין וואס פאר א בלאטע ער איז פארקראכען!... ער איז פערלארען! פאזיטיוו פערלארען!"

צווייטעס קאפיטעל.

שעהן אונד בליהענד וויא א יונגע בלום, וואס אין איהר שמעקעדיגען בעכער ליעגט נאך דער פרישער מארגענטהוי, האט אויסגעזעהן דיא שעהנע מינגא, א איינציגע טאכטער פון ר' אהרן לובלינער.

זיא איז ניט גאנץ הויך געוואקסען געוועזן, אבער דערפאר זעהר שען געבוים אין אללע איהרע גליעדער, וואס האבען אויף זיך געטראגען דעם שטעמפעל פון יוגענד אונד ליעבליכקייט.

דונקעל־ברוינע אויגען, פון וועלכע עס האט שטענדיג ארויסגעקוקט עפעס א מין זיסע מעלאנכאליע. שטענדיג רויטע באקען, וואס האבען אויסגעזעהן וויא צוויא אויפגעבליהטע מאהנבלומען; אין יעדער באק א גריבעלע, רונד אונד זיסס וויא דע־ ליעבליבער אונד אונשולדיגער שמייכעלע פון א קליין קינד. צווייא רויטע ליפען, וויא דונקעל־רויטע קארשען, יענע ליפען, וואס בעזיטצען פון דער נאטור דעם צויבער מיט איין קוש א הארץ פון מארמאר אין העללישע פלאמען אנצוצינדען. א הויכער אונד גלאט־געוועלבטער שטערן איבער וועלכען עס איז געזעססען א קרוין פון דונקעל־ברוינע האאר. דאס אללעס האבען זיך פעראייניגט, אום פון איהר א שעהנהייט, א פאלקאמענע שעהנהייט צו מאכען.

אבער צו איהרע קערפערליכע מעלות, האט זיא אויך געהאט זעהר פיעל גייסטיגע מעלות. זיא איז געוועזן גוטהערציג, פרום אונד אונשולדיג וויא א יונגע טויב. איין אלטע דייטשע גאווערנאנטין, וואס האט פריהער אין גראף פאטאצקים

הויז געלעבט, האט דיא קליינע מינא זעהר ליעב בעקומען אונד האט איהר געגעבען אונטערריכט אין מאנכע וויססענשאפטען. מינא האט זעהר גוט געקענט רעדען אונד שרייבען פויליש אונד דייטש אונד האט אין דיעזע צווייא שפראכען זעהר פיעל געלזען. פון יענע אלטע גאָווערנאנטין האט זיא געלערנט דיא פיינסטע מאַניערען אונד האט זיך געקענט האלטען אין יעדער געזעלשאפט וויא א געבאָרענע אריסטאָקראטין.

דיא קריסטען פלעגען איהר שטענדיג רופען: פ א נ נ א מ י נ נ א.

אויך דיא גרעפין יאדוויגא פאָטאָצקי האט זיא זעהר געליעבט, פלעגט איהר זעהר אָפט מאכען קליינע פרעזענטען אונד פלעגט איהר ערלויבען אין דעם גרויסען פארק זיך צו שפיעלען.

דאָרטען פלעגט זיא צוזאמען קומען מיט דעם יונגען גראף אדאם, וואס איז נאך דאמאלס אויך א קינד געוועזן. זייא פלעגען צוזאממען שפיעלען אונד זיינען פערבונדען געוואָרען מיט דעם שטארקען באנד פון קינדערשע פריינד־שאפט.

שפעטער, ווען אדאם פלעגט קומען פון גימנאזיום אונד פלעגט זיין יוגענד פריינדין בעזוכען, פלעגט ער מיט איהר פערקעהרען וויא מיט א דאמע פון דיא העכערע קרייזען. ער האט זיא זעהר רעספעקטירט אונד געאכטעט, אונד דאָך פלעגט ער צו איהר „דוא" זאגען, וויא ער איז דאס פון פריהער געוועהנט געוועזן. דיא גאנצע צייט, וועלכע ער האט אין אויסלענדישען אוניווערזיטעט פערבראכט, האבען זייא זיך ניט געזעהן.

מיט אכט טאָג צוריק האט זיא זיך דערוואוסט, דאס גראף אדאם איז פון אויסלאנד צוריק געקומען אונד איז זיכער געוועזן, דאס אין א טאָג אָדער אין צווייא טעג ארום וועט ער זיא בעזוכען.

עס איז אָבער פערגאנגען א טאָג נאך א טאָג אונד ער איז ניט געקומען. זיא איז אביסעל אונרוהיג געווארען אונד האט מיט בעהאלטענעם טרויער בייא זיך געטראכט: היינט איז ער שוין קיין קינד מעהר. היינט וויים ער שוין, אז ער איז א ג ר א ף אונד דערצו נאך א געלעהרטער.... וואס פאר געשעפטען קען ער יעצט האבען מיט א א י ד י ש ע מיידעל?...

דיעזער געדאנקען האט איהר זעהר געשמערצט, דען אויף דעם טיעפסטען גרונד פון איהר יונגעס הארץ איז פערבאָרגען געוועזן א שטארקער געפיהל פון ליעבע צו איהם, א געפיהל, פון וועלכען זיא האט ניט געוואוסט אונד וואס וואָלט זיא ציטערן געמאכט, ווען זיא וואָלט עס דערשפירען.

וויא גרויס איהר סימפאטהיע איז צו איהם געוועזן, האט זיא דאָך שטענדיג געזעהען דיא דיקע וואנד, וואס שטעהט צווישען דעם א י ד ע ן אונד דעם ק ר י ס ט ע ן.

— — — — — — — — — —

עס איז געוועזן פרייטאג פאר נאכט.

ביי אהרן לובלינער אין הויז, אין דעם גרויסען צימער, דעם זאָגענאַנטען „פוטץ־צימער", האט שוין געשמעקט מיט שבת. דער גרויסער טיש איז שוין געדעקט געוועזן מיט דיא צוויא גרויסע חלות, א מייסטערווערק פון אסתר'ס באַק־קונסט, אונד דיא פיער זילבערנע לייכטער האבען שוין געפונקעלט אין דיא ווארעמע שטראהלען פון דער זון, וואס איז שוין שטארק אראָבגעזונקען אין מערב־זייט.

ר' אהרן לובלינער איז שוין אָנגעטהאָן געוועזן אין זיינע שבת'דיגע קליידער. ער איז זיך ארומגעגאנגען אין צימער אהין אונד אהער אונד האט אין זיינע געדאנקען נאך אמאל איבערגעטראכט דיא עסקים פון דער גאנצער וואָך, ווייל ער האט געוואוסט, אז באלד וועט ער דארפען מקבל שבת זיין אונד דאַן וועט ער שוין נישט טאָרען קלערען וועגען „עניני חול".

דיא טהיר, וואס האט געפיהרט פון „פוטץ־צימער" אין קיך אריין, איז געשטאַנען האלב אָפען אונד האט פון דאָרטען געלאָזט אריינדרינגען דעם פיינעם אונד אפעטיטליכען גרוך פון פרישגעקאָכטע פיש. אסתר, שוין אויך שבת'דיג אָנגעטהאָן, איז געשטאַנען בייא דער אייזערנער פליטע אונד האט געענדיגט קאָכען דיא שבת'דיגע פיש, אין וואס זיא איז געוועזן א מייסטערין, איינע אין דער גאַנצער סביבה.

— „אָהן עין־הרע, א מין גערעטענעש!" — האט זיא אויסגערופען אין „פוטץ־צימער" אריינקומענדיג אונד דעם פארטוך, מיט וועלכען זיא האט איהר קלייד פערדעקט, ארונטערנעהמענדיג — „דוא וואָלסט נאָר זעהן, אהרן, יעדע שטיק פיש קוקט זיך דורך וויא דורך א גלאָז, אונד דיא יויך — ריינער בוימ־אייל!... ווען דער יונגער גראף אדאם פאָטאָצקי וואָלט היינט צו אונז געקומען וויא א מאָל, וואָלט ער זיך פשוט מחיה געוועזן!"

— „עס קען זיין, אז ער וועט קומען!" — האט אהרן געענטפערט.

— „אונד מיר גלויבט זיך דאס ניט!" — האט אסתר אויסגערופען אונד אויף א ווילע האט א קליינער שאטען איהר פנים פערדונקעלט — „היינט איז ער

שוין ניט דאס, וואס ער איז אמאל געווען. היינט ווייס ער שוין, אז ער איז גראף פּאָטאָצקי. וואס פאר א פּנים קענען בייא איהם האבען פראָסטע אידען, וויא מיר זיינען? געווים שעמט ער זיך מיט אונז, אונד עס איז איהם באמת ניט צו פער־דענקען, ווער זיינען מ י ר אונד ווער איז ע ר?“

— „איך גלויב ניט, אז ער איז היינט שטאָלצער געוואָרען“ — האט זיך אהרן אָבגערופען — „ווען ער איז פון אויסלאנד געקומען, האט ער מיך זעהר פריינדליך בעגריסט, אויך דיר אונד מיינען האט ער געלאָזט גריסען. ער האט זיך נאך איהר זעהר שטארק נאכגעפרעגט. זיין ניט קומען צו אונז האט געווים איין אנדערע אורזאכע. ער האט זיך צרוואָרפען מיט זיינע עלטערן אונד מיט דעם קסאָנדז-פּראָבאָסץ. עס קען זיין, אז ער וועט ווידער אוועק פאָהרען נאך אויסלאנד.“

מינעס ארייננקומען אין צימער האט אונטערגעבראָכען דאס געשפּרעך. אויך זיא האט שוין געטראָגען איהרע פיינע שבת'דיגע קליידער אונד אין איהר האנד האט זיא געהאלטען א סידור.

— „איז שוין צייט מקבל שבת צו זיין?“ — האט זיא געפרעגט.

— „שוין צייט, שוין צייט, מיין קינד!“ — האט אהרן האסטיג געענטפערט, נאכדעם וויא ער האט א קוק געטהאָן דורך דעם פענסטער אונד האט געזעהן, דאס דיא זונן איז שוין אונטערגעגאנגען.

אלע דרייא האבען שטיל פאר זיך מקבל שבת געווען אונד גלייך נאכדעם האט אהרן קידוש געמאכט איבער וויין.

אללע האבען דיא הענד געוואשען אונד האבען זיך געזעטצט צום טיש. דיא קעכין האט אריינגעטראָגען דיא גרויסע שיססעל מיט פיש.

— „עפּעס א פּריץ ווילל אייך זעהן, בעל־הבית!“ — האט זיא דערבייא געמעלדעט.

— „געווים דער יונגער גראף אדאם!“ — האט אהרן אויסגערופען אונד איז האסטיג אויפגעשטאנען — „לאָז איהם אריין, דבורה!“

מינע איז מיט א פאאר טאָגען בלייכער געוואָרען אונד איהר ברוסט האט אָנגעהויבען האסטיגער צו ארבייטען. זיא האט געמאכט א בעוועגונג אויפצושטעהן אונד איז דאך געבליבען זיצען אויף איהר פלאטץ.

דער יונגער גראף אדאם פּאָטאָצקי איז אריינגעקומען אונד האט אללעמען מיט ווארעמער הערצליכקייט בעגריסט.

ווען ער האט מינעס הענד אין זיינע גענומען אונד האט זייא שטארק געדריקט, איז איהר פּלוצלינג א גאנצע קוועללע פון הייסעם בלוט אין דיא באקען אריינגעקומען אונד איהרע שעהנע אויגען האבען וויא צווייא שווארצע דיאמאנטען אין דעם שיין פון פייער אויפגעבליטצט.

— „לאָזט אייך נאָר ניט שטערן, מיינע ליעבע פריינד!״ — האט ער אויסגערופען אונד האט מינען צוריק צו איהר שטוהל צוגעפיהרט — „איך וויס, היינט איז בייא אייך שבת, דער שעהנער אידישער שבת, וואס איז אזוי רייך מיט גליק אונד מיט פּאָעזיע.... איהר געניסט בעססער אייערע ימים־טובים, וויא מיר קריסטען אונזערע תגאות.... איהר געפינט אין זייא פרייד אונד טרויסט, מיר געפינען אין זייא, מייסטענטהיילס, נאָר שכרות אונד אויסגעלאססענהייט.... בייא גאָטט, איך בין אייך ווירקליך מקנא!״

אהרן אונד אכת־ האבען איהם שווייגענד צוגעהערט. זייא האבען איהם ניט פערשטאנען.

— „איהר זייט אונז מקנא, גראף?״ — האט איהם מינע געפרעגט אונד האט איהרע וואונדערשעהנע אויגען מיט איין אויסדרוק פון פערוואונדערונג צו איהם אויפגעהויבען — „וואס קען מען אונז אידען מקנא זיין? אפשר אונזער אָרעמקייט? אָדער אונזערע אידישע צרות, וואס האבען נאָר קיין סוף ניט?״

— „אָה, עס איז דאָ זעהר פיעל, וואס מיר קריסטען דארפען אייך בענײדען, ליעבע מינע!״ — האט דער יונגער גראף מיט איין אויסדרוק פון טרויער אין זיין געזיכט אויסגערופען — „מיר מעגען אייך מקנא זיין אייער אָרעמקייט, וואס מאכט אייך דאָך ניט שלעכטער פון אנדערע ציוויליזירטע פעלקער; מיר מעגען אייך מקנא זיין אייערע צרות, וועלכע איהר טראגט מיט אזוי פיעל מוטה אונד מיט א אייזערנעם געדולד — צרות, וואס האבען אייך אויף א האָר ניט שוואכער געמאכט אין אייערע מאָראלישע פּרינציפּען אונד האבען אייך נאָר דיא קראפט געגעבען דיא מלחמה פון אייער עקסיסטענץ נאָך ענערגישער צו פיהרען; מיר מעגען אויך מקנא זיין אייער רייכטהום, וועלכען איהר געניסט בעססער פון אונזערע פּוילישע מאגנאטען: איהר טהוט מיט איהם גוטעס זיך אלליין אונד אויך אייערע אָרעמע, געפאללענע ברידער, דאן לאָזט איהר איהם איבער אייערע קינדער, וואס מאכען פון איהם דעמזעלבינען תכלית וויא איהר אלליין. וואס טהוען אָבער אונזערע פּוילישע מאגנאטען מיט זייער רייכטהום? זייא ווארפען ארויס גאנצע הויפענס געלד דורך דעם פענסטער. זייא פערשווענדען עס אויף יאגד־הינד, אויף פערד, אויף קליידער, אויף בעללער אונד אויף אויסגעלאססענע פרויען. דער קלענסטער קאפּריז פון א

פוילישען מאגנאטס געליעבטע קאָסט אזוי פיעל געלד, דאס מען האט פאר דער סוממע געקענט אויסהאלטען מיט לעבענסמיטעל א גאנצע פאמיליע גאנצע צעהן יאָהר. דאן, ווען דער מאגנאט שטארבט, בעקומען זיינע קינדער ירושה נאָר א טאָרבע צום בעטלען געהן.... מיר מעגען אייך אייערע ימים טובים ווירקליך מקנא זיין. ביי אייך זיינען דאס ליכטיגע אונד פרעהליכע טעג, גליקליכע מאָמענטען אין אייער לעבען. איהר פערברענגט זייא אין גאָטטעס דיענסט אונד אין שטיללער פרייד. אין דיעזע טעג פערבינדעט זיך דער איד מיט דעם אנדערען שטארקער, איינגער, נעהענטער, פריהערדיגע פיינדזעליגקייטען אונד געשעפטליכע סכסוכים ווערן דאמאלס אבגעשאפט, אָדער אויסגעגליכען, אונד וויא פערברייגנען מיר קריסטען אונזערע הייליגע טעג? מיר לאדען איבער אונזערע מאָגענס מיט שעדליכע שפייזען, מיר פערגיפטען אונזער בלוט מיט גיפטיגע וויינען, מיר טרייבען דיא אויס־געלאַססענהייט צו איהר העכסטער שטופע אונד מיר ענדיגען מיט דעם, דאס מיר צוקריגען זיך מיט אונזערע געסט אונד מאכען פון אונזערע גוטע פריינד ביטטערע שונאים.... „אָה, מיינע פריינד!“ — האט ער דעם אטהעם אָבציהענדיג אויס־גערופען — „איהר האט אייך דורכאויס ניט צו בעקלאָגען. איהר זייט דאס גליקליכע פאָלק אויף גאָטטעס ערד. איהר זייט אויך גליקליך אין אייער עלענד, אין אייער אָרעמקייט, אין אייער ניעדריגקייט אונד אין אייער אָבגעשלאָססענהייט, צו בעקלאגען זיינען נאָר מ י ר ק ר י ס ט ע ן, וואס האבען אייך עלענד, אָרעם, ניעדריג אונד אָבגעשלאָסען געמאכט!“

אהרן אונד אסתר האבען איהם מיט גרוים איבעררא͏שונג אָנגעקוקט. פון א „גוי“ האבען זייא אזעלכע ווערטער ניט ערוואַרטעט צו הערען.

מיט גאנץ אנדערע געדאנקען אונד מיט גאנצע אנדערע געפיהלען האט איהם מינע צוגעהערט. עפעס האט זיך איהר אויסגעדאכט, אז ד ע ר גראף אדאם פאָטאָצקי, איז ניט י ע נ ע ר, וועלכען זיא האט פריהער געקענט; יענער שעהנער „שיינעציל“, וואס פלעגט איהר דערצעהלען משונה׳דיגע מעשיות פון משונה׳דיגע הייליגע, וואס פלעגט איהר ריהמען דיא טהייערע פערד, וואס שטעהען ביי זיין פאטער אין שטאלל אונד וואס פלעגט איהר מיט קינדערשער בעגייסטערונג אויסרעכענען וויפיעל פלעשער שאמפאניער מען האט אויף דעם, אָדער אויף יענעם באלל ביי זיין פאטער אין הויז אויסגעטרונקען אונד וויפיעל פאאר אידישע פאות מען האט ביי דיעזער געלעגענהייט אָב־געשאָרען.

✡POALE ZION LIBRARY✡

עפּעס האט זיא געפיהלט, אז דיא וואנד, דיא דיקע, גראָבע וואנד, וואס איז שטענדיג צווישען איהר אונד איהם געשטאַנען, ריהרט זיך פון אָרט אונד פערשווינדעט. זיא האט זיך מיט איינמאל אזוי נ אָ ה ע נ ט צו איהם דערזעהן......

— „מיין גאָטט!“ — האט זיא אין איהרע געדאנקען געטראכט — „ער איז דאָך עפּעס גאר קיין ג ו י ניט!“

אלס אהרן לובלינער איז ענדליך פון זיין איבערראשונג צו זיך געקומען, האט ער זיך דערמאָהנט, אז ער האט נאָך זיין הויבען גאסט ניט איינגעלאַדען צום עססען, אונד האט זיך בעאיילט דיעזע אונעהפליכקייט וויעדער גוט צו מאכען.

— „ווילט איהר אונז, הערר גראף, דעם כבוד אָנטהאָן אונד מיט אונז עפּעס עססען?“ — האט ער געפרעגט.

— „אָה, מיט פערגניגען!“ — האט אדאם געענטפערט — „נאַטירליך, א שטיקעל פיש וויא אמאל!“

ער האט דערבייא מיט א פיינעם שמייכעלע א קוק געטהאָן אויף אסתר'ן.

אסתר האט געשוואומען אין א ים פון גליק אונד האט אין הארצען אָבגעגעבען א שבח והודיה צו דעם רבונו של עולם פאר דעם חסד, דאס איהרע פיש זיינען היינט אזוי געראָטהען. זיא האט פון פּאָלומישאָק ארויסגענומען דיא „בעסטע“ שטיק, האט עס אוועקגעלעגט אויף דעם „פיינסטען“ טעללער, האט אויסגע־קליעבען דעם „שעהנסטען“ מעססער אונד גאָפּעל אונד האט דאס אללעס צוגערוקט צום גראף אדאם.

בייא אהרן לובלינער איז געלעגען א וויכטיגע פראגע אויף דעם שפּיטץ צונג, אָבער ער האט זיין הויבען גאסט ניט געוואָנט צו שטערן דיא גאנצע צייט, וואס יענער איז בעשעפטיגט געוועזן מיט דעם עססען.

קוים אָבער האט דער גראף אדאם דעם טעללער פון זיך אָבגערוקט אונד דעם מעססער מיט דעם גאָפּעל אוועקגעלעגט, האט זיך אהרן לובלינער צו איהם געווענדעט.

— „איהר מוזט מיר פערצייהען, הערר גראף“ — האט ער צו איהם געזאגט — „אָבער איך קען מיך נישט איינהאלטען אונד מוז אייך פרעגען, וויא שטעהט איהר יעצט מיט אייערע עלטערן?“

— „אה, איהר מיינט אונזער קליינעם דיספוט פון דאמאלס?“ — האט דער גראף מיט א טרויעריגען שמייכעלע אויף זיינע ליפען געענטפערט — „עס איז קיין בעז. מיין פאטער, וויא עס ווייזט אויס, האט דיא גאנצע זאך פערגעסען, חאטש דער גלח ניט זיך דיא גרעסטע מיה בייא איהם געגען מיך צו אינטריגירען. אין גרונד איז מיין פאטער זעהר א גוטער מענש, אפילו אביססעל פאנאטיש, אָבער אזוי זיינען אללע אונזערע פוילישע מאגנאטען. וואס ווייטער וועט זיין, ווייס איך ניט, אָבער איין איננערליכער געפיהל זאגט מיר, דאס איך וועל נאך האבען אויס־צושטעהן א גרויסען שטורם...“

ער האט זיך אלליין אונטערגעבראָכען אונד האט ניט געענדיגט. אהרן האט איהם ניט פערשטאנען אונד האט ניט געוואגט צו בעטען איין ערקלערונג אויף זיינע ווערטער.

דער גראף איז אויפגעשטאנען אונד האט פון אהרן לובלינער אונד פון זיין פרויא אבשיעד גענומען. צו מינען זיך ווענדענדיג, האט ער זיא גע־פרעגט:

— „ווילּלסט דוא מיך אביססעל בעגלייטען, ליעבע מינע?“

— “אָה, מיט פערגניגען!“ — האט מינע געענטפערט אונד איז מיט איהם פון הויז ארויס געגאנגען.

דיא נאכט איז געוועזען איינע פון יענע זילבער ווייסע נעכט, אין וועלכע דיא גאנצע אונד פוללע לבנה פארבט אָב אין ווייס דיא גאנצע נאטור.

דיא קארשענבוימער זיינען געשטאנען אין רעכטען בליהען, אונד יעדער איינער פון זייא איז ארומגערינגעלט געוועזען מיט א וואָלקען פון זיססען אראָמאט.

דיא גאנצע וועלט האט געשיינט צו שלאָפען, נאָר ווען ניט ווען האט זיך געלאָזט הערען דער מעלאנכאָלישער פייף פון א נאכט־פויגעל.

אונד דאָרטען, ווייט אויף דעם האָריזאָנט, האט זיך געצויגען דער גרויסער וואלד, הינטער וועלכען עס איז געלעגען גראף פאָטאָצקי׳ס שלאָסס. יעטצט, בייא נאכט, האט ער אויסגעזעהן וויא א הויכע, דונקעלע וואנד.

ביידע זיינען לאנגזאם אונד שטילל צום וואלד געגאנגען. ביידע זיינען בעד־שעפטיגט געוועזען מיט זייערע אייגענע געדאנקען.

גראף אדאם האט געפיהלט, דאס ער שטעהט פאר דעם וויכטיגסטען מאָ־מענט פון זיין לעבען; ער האט געוואוסט, אז דיא קומענדיגע שעה וועט זיין ביזהעריגען לעבען אין גאנצען אומענדערן.

דער טריט, וועלכען ער שטעהט אין בעגריף צו מאכען, איז שרעקליך, אָבער קען ער דען אנדערש? ער ליעבט זיין יונגעמ פריינדין מיט דער גאנצער קראפט פון זיין נשמה, ער קען אָהן איהר נישט לעבען, אונד אום איהר צו בעזיטצען, אייביג צו בעזיטצען, מוז ער אללעס מקריב זיין.

אללעס? ניין! נאָר איין זאך.... אונד דיא איין זאך האט נאָר קיין ווערטה ניט.

מינע האט געפיהלט וויא איהר יונגע, אונשולדיגע הארץ ציטטערט, אונד האט זיך אין איהרע געדאנקען געפרעגט: ווארום ציטערט מיין הארץ היינט מעהר וויא אללע מאָל? איז מיר א נייעס מיט איהם ביא נאכט אלליין ארומצו־שפאציערען?

זיא האט קיין אורזאכע געהאט פאר איהם מורא צו האבען. ער האט איהר שטענדיג, אין זיין אומגאנג מיט איהר, אזוי פיין בעהאנדעלט; ער האט מיט איהר פערקעהרט וויא מיט א דאמע פון דער גרויסער וועלט, אונד דאָך......

אונד דאָך ציטערט היינט איהר הארץ! ווארום ציטערט זיא?...

אפשר... אָה, גאָטט אין הימעל, וויא פרעהליך איז דער געדאנק..... אפשר האט ער בעמערקט, אז זיא ליעבט איהם?...

זיא האט זיך נים געקענט בעהערשען, ווען ער איז אין איהר פאטערס הויז אריינגעקומען, זיא איז רויטה געווארען וויא א מאָהנ־בלום, איהר האנד האט געציטערט, ווען זיא האט איהם בעגריסט.

— „אָבער ניין, ניין!.... איך ליעב איהם נישט!" — האט זיא זיך געמאַטערט איינצורעדען — „איך קען איהם נישט ליעבען... איך טאָר איהם נישט ליעבען... ער איז א קריסט... א קריסט!"

אונד וויא איינער, וואס טרינקט זיך, חאפט זיך אָן אן א שוואכען שטרויא, אזוי האט זיא זיך אָנגעכאפט אן דעם איינציגען וואָרט: „קריסט".

— „ער איז א קריסט! ער איז א קריסט!" — האט זיא פאר זיך אין דער שטיל געמורמעלט, אָבער דאס האבען נאָר איהרע ליפען געזאגט, איהר הארץ האט דערבייא געשוויגען.

— „אונד ער? ליעבט ער מיך?" — האט זיך דער פאַדים פון איהרע געדאנקען ווייטער געשפונען — „אָה, ניין, ניין!... דאס קען נים זיין!... ער איז נאָר פריינדליך צו מיר... פריינדליך וויא אמאל... עה, קינדערשע

חלומות, קינדערשע שפּיעלערייען, ווייטער גאר נישט!... ער ווייס דאָך, אז איך בין א אידיש־קינד... אונד ער, א גראף... א קריסט!"

זייא זיינען אריינגעקומען אין וואלד. אונטער א הונדערט יאהריגען בוים איז געשטאנען איין אלטע באנק. אויף דער באנק האבען ארומגעטאנצט קליינע שטראהלען פון דער לבנה, וואס האבען זיך דורכגעג'גנב'עט דורך דיא גרינע צווייגען.

— „ווילסט דוא זיך א ווילע זעטצען, ליעבע מינע?" — האט ער זיא געפרעגט.

זיא האט נישט געענטפערט אונד האט זיך אוועקגעזעטצט.

— „גיב מיר דיין האנד, מינע!" — האט ער צו איהר געזאגט אונד האט זיך נעבען איהר געזעטצט.

לאנגזאם אונד ציטטערענדיג האט זיא איהם איהר האנד דער־לאנגט.

— „ווארום ציטערסט דוא, טהייערע?" — האט ער איהר גע־פרעגט.

זיא האט האסטיג איהרע אויגען ארונטערגעלאָזען אזוי וויא ער וואָלט איהר געכאפט בייא א גנבה.

— „עס איז.... עס איז מיר.... קאלט!" — האט זיא שטאמטלענדיג ארויסגעהויבט.

— „פערצייה, מינע, דאס איז ניט אמת!" — האט ער זיך אָבגערופען — „דיא נאכט איז זעהרווארם!... ווארום ווילסט דוא פון מיר פערלייקענען א געפיהל, וואס לעבט שוין אזא לאנגע צייט אין דיין הארצען?"

א שוידער איז איבער איהר קערפער איבערגעפלויגען. ריכטיג, ער ווייס, אז זיא ליעבט איהם! אָבער זיא האט זיך נאך געמאטטערט צו פער־טהיידיגען.

— „א געפיהל?... וואס פאר א געפיהל?" — האט זיא איהם געפרעגט אונד האט זיך געצוואונגען דיא פראגע מיט א קליין געלעכטער'ל צו בע־גלייטען.

— „א געפיהל פון ליעבע צו מיר, טהייערע מינע!" — האט ער געענט־פערט — „איך ווייס ניט, ווארום זוכסט דוא דאס פון מיר צו פערבאָרגען? איז דאס דיר אזוי שרעקליך?"

וויא פון בליטץ געטראָפען איז זיא מיט איינמאל אויפגעשפרונגען. דער פאנצער, מיט וועלכען זיא האט איהר הארץ געגען דער „פערבאָטענער“ ליעבע געפּאַנצערט, איז מיט איינמאל פערשוואונדען אונד דיא אייזערנע וועגד, מיט וועלכע זיא האט איהר הארץ ארומגעשטעלט, זיינען וויא שוואכע שערבליך צוזאַמענגעבראָכען. וואס העלפט עס יעטצט זיך פערשטעלען? ער האט אין איהר הארצען געלעזען, ער ווייס אללעס, ער וויס מעהר, וויפיעל זיא האט פריהר געוואגט צו דענקען.

— „שרעקליך!... יא, עס איז שרעקליך, מיין טהייערער אדאם! — האט זיא מיט קייבענדער ברוסט אויסגערופען — „דוא האסט דעם זיסעסטען אונד דעם טהייערסטען סוד פון מיין הארצען ארויסגעריססען. יאָהרענלאנג איז עס דאָרטען טיעף בעגראָבען געוועזן, נאָר גאָטט אלליין האט עס געוואוסט... אך, וויפיעל מיה אונד מאטערנעס האט עס מיר געקאָסט צו פערדעקען, צו פערלייקענען! אונד דוא האסט עס דאָך געפונען!... אמת, אדאם, איך ליעב דיך!... איך ליעב דיך מעהר פון מיין לעבען! אָבער עס איז דאָך שרעקליך!... דאס ד א ר ף ניט זיין!... ניין, ניין, דאס ד א ר ף ניט זיין!“

אונד אזוי וויא איין אונזיכטבארע האנד וואָללט איהר פלוצלינג א שטויס געטהאָן, איז זיא געפאלען אויף זיין ברוסט, האט אויסגעבראָכען אין א געוויין אונד האט וויינענדיג ווידערהאָלט: „ניין, אדאם! ניין, מיין טהייערער!... דאס דארף ניט זיין!... דאס דארף ניט זיין!“

— „אונד ווארום דארף דאס ניט זיין, געליעבטע?“ — האט ער זיא געפרעגט איהרע האאר, איהרע אויגען אונד איהרע ליפען מיט קושען בעדעקענדיג.

— „דוא ווייסט... איך בין א אידיש־קינד!“ — האט זיא ווייטער געיאָמערט.

— „אונד איך א ק ר י ס ט, דאס מיינסט דוא?“

— „יא, יא, דוא זעהסט? אונזער ליעבע האט קיין צוקונפט... מיר מוזען זיא בעגראבען... טיעף אין אונזערע הערצער בעגראבען אונד אייביג זיך מיט דיא שטומע קברים ארומטראגען!“

— „גיבט עס דען גאר קיין מיטעל?...“

— „גאָטט אין הוממעל! וועלכע מיטלען?... דוא ביזט א קריסט, איך בין א אידיש־קינד: שוין דיא נאטור אלליין שטעהט וויא איין אייזערנע וואַנד צווישען אונזערע הערצער.“

— „ניין, מינע! ניט דיא נאטור שטעהט צווישען אונזערע הערצער, צווישען אונזער ליעבע, פערקעהרט, דיא נאטור האט אונז צוזאממענגעפיהרט, פעראייניגט אונד פערבונדען, נאר דער א ב ע ר ג ל ו י ב ע ן אונד דער פינסטערער פ א נ א ט י ז מ ו ס שטעהט צווישען אונז. אמאל, פארצייטען, זיינען דאס געוועזן צווייא שטארקע מויערן, וועלכע דער שוואכער אונד אונגעבילדעטער מענש האט דאס ניט געקענט ברעכען, היינט איז דאס נאר לייכט, אין היינטיגע צייטען האבען מיר א שטארקען אינסטרומענט אין דער האנד, מיט וועלכען מיר קענען דיעזע שטארקע מויערן פון אונזער וועג אבראמען.“

— „איין אינסטרומענט? וואס איז דאס פאר איין אינסטרומענט?“

— „דיא אויפקלערונג, דיא בילדונג, דער געזונדער פערשטאנד, טהייערע מינע!“

— „דאס הייסט: איך זאלל אלע בריקען הינטער זיך אפברעכען, איך זאלל מיך טויפען אונד זאלל דיין וויב ווערן?“

— „איז דאס דיר אזוי שרעקליך, ווען דוא ליעבסט מיך?“

— „איך ליעב דיך מעהר וויא מיין לעבען, וויא מיין גליק, מעהר פון מיין גאנצע עקסיסטענץ, אבער איך וועל בעססער שטארבען אונד ד א ס וועל איך ניט טהאן!“

— „אונד אז א י ך וועל דאס טהאן? וועסט דוא צופריעדען זיין?“

— „וואס?... וואס מיינסט דוא, אדאם?“

— „אז איך וועל א איד ווערן!“

א געשרייא האט זיך פלוצלינג פון איהר ברוסט ארויסגעריסען. עס האט געקלונגען וויא גליק, וויא פרייד.

— „ד ו א?... א א י ד?... אונד מ י י ן מ א נ ן?“ — האט זיא אויסגעשריען אונד האט איהם מיט איהרע וייכע ארעמס נאך פעסטער ארומגעקלאממערט.

באלד אבער איז איהר אין קאפ א נייער געדאנקען געקומען, א געדאנקען שווארץ וויא דיא נאכט. לאנגזאם האבען זיך איהרע ארעמס פון זיין האלז ארונטערגעגליטשט אונד מיט א טיעפען טרויער אין איהר שטיממע, האט זיא אויסגערופען:

— „ניין, אדאם, דאס קען ניט זיין!... אזא שווערען קרבן קען איך פון דיר ניט אננעהמען!“

ער האט איהר האנד ווידער גענומען אונד האט איהר צו זיך צו געצויגען.

— „דאס איז קיין קרבן, מיין געליעבטע מינע!“ — האט ער איהר געענט־פערט — „איך בין שוין לאנג נישט קיין קריסט. איך האב דאס אויפגעהערט צו זיין, זינט איך האב דיא וויססענשאפט שטודירט. גלויב נישט, טהייערע מינע, אז איך געה ווערן א איד נאר צוליעב אונזער ליעבע אלליין, איך געה ווערן א איד נאר צוליעב דעם, ווייל דיא אידישע רעליגיאן איז דיא ערשטע, דיא בעסטע אונד דיא ריינסטע. דיא וויססענשאפט קען איהר לייכטער אנערקענען וויא אללע אנדערע. אלזא וויא דוא זעהסט, ברענג איך דיר קיין שום קרבן נים. אהן דיר וואללט איך דאס אויך געטהאן!“

— „ווילסט דוא וועגען דעם רעדען מיט מיין פאטער?“ — האט זיא איהם געפרעגט.

— „געוויס, מיין טהייערע מינע!“ — האט ער געענטפערט — „איך וועל מיט איהם רעדען!“

גאנצע דרייא שטונדען זיינען זייא געזעססען אויף דער באנק אונד האבען וועגען זייער צוקונפט גערעדט. ער האט איהר זעהר פיעל זאכען איבער רעליגיאן ערקלערט, אונד אלס זייא האבען זיך געשיידט, האט זיך שוין דער הימעל אין מזרח־זייט אין פורפור געפארבט...

דריטטעס קאפיטעל.

אין אהרן לובלינערס פוטץ־ציממער איז שטיל געוועזן וויא אין א קבר. מען האט מעהר גיט געהערט וויא דעם „טיק־טאק“ פון איין אלטפרייענקישען וואנד־זייגער, וואס איז געהאנגען איבער דעם קאמין, אונד דיא האסטיגע טריט פון דעם יונגען גראף אדאם פאטאצקי, מיט וועלכע ער איז האסטיג אונד שטארק אויפגע־רעגט געגאנגען איבער דעם צימער אהין אונד אהער.

זיינע שעהנע אויגען האבען געפונקעלט פון בעגייסטערונג אונד זיינע באקען האבען געגליהט וויא צווייא דונקעל רויטהע בלומען.

א האלבע שטונדע לאנג האט ער מיט גרויס בעגייסטערונג אונד מיט טיעפער איבערצייגונג גערעדט אונד האט צו זיין בעדויערן געזעהן, דאס זיינע רייד האבען אויף אהרן לובלינער קיין איינדרוק געמאכט.

יענער איז געשטאנען ביים קאמין, דיא הענד טיעף אין דיא קעשענעס פון זיין שווארצען ראק פערבארגען, אויף זיין בלייכען פנים איז געלעגען א וואלקען פון טרויער, אבער ער האט געשוויגען.

— „ווארום שווייגט איהר, פאניע אראן?" — האט זיך דער יונגער גראף צו איהם געווענדעט אונד איז געבליבען שטעהן — „גלויבט איהר ניט, אז איך מיין דאס גאנץ ערנסט?"

— „הערר גראף!" — האט זיך אהרן אבגערופען — „דאס, וואס איהר האט מיר ענטדעקט, איז זעהר שרעקליך, אונד איך בין אייך צו פיעל פריינד, אום אייך צו צורעדען צו א טריט, וועלכען איהר וועט שפעטער געוויס בערייען. עס איז זעהר שעהן א איד צו זיין, אבער דיא אידישקייט ברענגט קיינעם קיין גליק. קוקט נאך אמאל דורך דיא אידישע געשיכטע פון מיטעלאלטער אן אונד איהר וועט זעהן, וועלכע שווערע קרבנות דער איד האט געמוזט מקריב זיין פאר דיא ע ר ל ו י ב־ נ י ס א ל ל ע י ן א איד צו בלייבען. אום א איד צו זיין, מוז מען זיך אפזאגען פון אללע לעבענספריידען, פון יעדער אכטונג פון זיינע מיטמענשען אונד פון אללעס, וואס עס איז דעם מענשען ליעב אונד טהייער אויף דער וועלט. ער מוז שטענדיג האלטען זיין פנים אנגעגרייט פאר יעדען שפייא פון יעדען לומפ, ביי וועלכען עס איז א בעזונדערער פערגניגען אין א אידישען פנים צו שפייען, זיין נאקען דארף תמיד מוכן ומזומן זיין זיך צו בויגען פאר יעדען באנדיט, וואס גלויבט, אז דער איד לעבט נאר פון זיין חסד אונד זיין גאנצע הארעוואניע, דאס, אויף וואס ער ארבייט זיין לעבען לאנג מיט בלוט אונד שוויס, טאר ער ניט בעטראכטען אלס זיין גאטירליכעס אונד געזעטצליכעס אייגענטהום, דער קלענסטער קאפריז פון א שיכור'ען מאגנאט, אדער פון א בעאמטען א בלוטזויגער קען דאס ביי איהם צונעהמען.... אה, מיין עדעלער הערר גראף! עס וועט אייך זעהר שווער זיין צו לעבען וויא מ י ר לעבען. מיר אידען זיינען שוין דערצו געוועהנט פון אונזער געבורטה אן, מיר האבען דיא ערציעהונג דערצו, מיר האבען דיא אייזערנע געדולד צו ליידען צוזאממען מיט דעם ערשטען פונק לעבען ערווארבען, אבער איהר, א קריסט, א געבארענער גראף, פון אייער קינדערשע וויעגעלע אן געוועהנט צו אלע לעבענספריידען, צו דעם רעספעקט אונד צו דער הכנעה פון אייערע מיטמענשען, איהר וועט אזא לאסט ניט קענען טראגען, איהר וועט מוזען צוזאמענברעכען אונטער דער משא פון דיא גראבע בעליידיגונגען, איהר וועט חרטה האבען, אבער דאמאלס וועט עס שוין צו שפעט זיין!"

ער האט זיין אטהעם אָבגעצויגען אונד איידער דער גראף האט צייט געהאט עפּעס וואס צו ענטפערן, האט ער ווידער אָנגעהויבען:

— „איהר זאגט, אז איהר ליעבט מיין טאָכטער אונד אייער איינציגער וואונש איז, מיט איהר אַלס מאנן אונד פרויא זיך צו פערבינדען. איך גלויב עס אייך, הערר גראף! איך גלויב, אז איהר מיינט דאס ערנסט. איך גלויב עס נאָר דאַרום, ווייל איך וויים, אז מיין מינע בעזיטצט אלע יענע מעלות, וואס קענען איהר די ליעבע אונד די אַכטונג פון יעדען עהרליכען מענשען פערשאַפפען. איהר איינציגער פעהלער איז נאָר דאס, וואס זיא איז א אידיש-קינד, אָבער אין *היינטיגע צייטען* איז דאס, צו אונזער בעדויערן, דער *גרעסטער פעהלער*.... די קריסטליכע וועלט קען דעם אידען אַללעס פערצייהען, נאָר ניט דעם אומשטאנד, דאס *ער איז א איד*. דיעזען געבאָרענעם „פעהלער" וויל זיא איהם קיינמאָל ניט מוחל זיין!.... איהר זאגט, אז איהר וועט ווערן א איד אונד דאַן איז שוין קיין אונטערשיעד נישטאָ צווישען אייך אונד צווישען מיין טאָכטער, אָבער איהר מוזט מיר ענטשולדיגען, הערר גראף, איך גלויב עס ניט! דער רעליגיאָנס־וועקסעל מאכט נישט דעם קריסטען פאר א אידען אונד דעם אידען פאר קיין קריסטען. יעדער בלייבט דאס, וואס ער איז געבאָרען. וויא שטרענג איהר זאָלט נישט היטען אַלע אונזערע תרי״ג מצות, איננערליך האט איהר דאָך א קריסט בלייבען. איהר וועט דאָך *קריסטליך* דענקען אונד פיהלען אונד דאס וועט אייך פון מיין טאָכטער אויף הונדערטע מיילען דערווייטערן. וויא גרויס אייער ליעבע זאָל צו איהר ניט זיין, וויא זיס דער ליעבעס בעכער זאָלל אייך ניט שמעקען, וועט איהר דאָך אין איהם פיהלען א ביטערן טראָפּען אונד דיעזער איינציגער טראָפּען וועט אייך אייער גאנצעס גליק פערביטערן. אין אנפאנג וועט איהר מלחמה האלטען מיט אייערע געפיהלען, עס וועט אייך ניט שווער פאלען אייערע געפיהלען צו פעלייקענען, ווייל איהר וועט אייך נאך געפינען אונטער דעם זיסען צויבער פון מיין מינעס יוגענד אונד שעהנהייט, אָבער שפּעטער, ווען איהרע יוגענד־ראָזען וועלען פערבליהען, ווען א פּאאר קנייטשעלעך וועלען דורכציהען איהר גלאַטען שטערן, ווען דער טיעפער ערנסט פון לעבען וועט פערטרייבען דעם זיססען שמייכעלע פון איהרע זאפטיגע ליפּען אונד ווען זיא וועט שוין זיין א בעזאָרגטע, טיעף איינגעבויגענע מוטער — דאַן וועלען אויך אייערע קריסטליכע געפיהלען מאכען א שטאַרקע רעוואָלוציאָן אונד מיט קיין מאכט אין דער וועלט וועט איהר נישט קענען דיעזע רעוואָלוציאָן אונטערדריקען. איהר וועט אייך זעהר אונגליקליך פיהלען, אונד איהר וועט קומען צו דער איבערצייגונג, אז פאר אַלע

אייערע גרויסע קרבנות, האט איהר נאָר ערוואָרבען אביססעל עולם־הבא אויף י ע נ ע ר װ ע ל ט אונד איין אַלטע א י ד ע נ ע אויף ד ע ר װ ע ל ט... אָה, הערר גראַף, פריינד, איך בעט אייך, בעדענקט אייך זעהר גוט, בעדענקט אייך טויזענד מאל, איידער איהר נעהט מאַכען דעם וויכטיגסטען טריט, וואס א מענש מאַכט אין זיין לעבען, א טריט, וואס איז דער פונדאַמענט פון דעם מענשענס צוקונפט אונד פון זיין גליק!"

— „איך האָב אייך אויף דאס אַללעס, וואס איהר האט מיר געזאַגט, זעהר וועניג צו ענטפערן, מיין ליעבער פריינד" — האט גראַף אדאַם געענטפערט — „עס קען זיין, אַז אין געוויססע פונקטען זייט איהר פאָלקאָממען גערעכט; אַללעס, וואס איך האָב אייך צו זאָגען, איז נאָר דאס, דאס איך האָב מיר דיא זאַך שוין מעהר וויא הונדערט מאל איבערגעלעגט אונד מיין ענטשלוסס שטעהט פעסט וויא איין אייזערנע וואַנד. קיין מאַכט אין דער וועלט וועט מיין ענטשלוסס ענדערן. מיין ליעבע צו אייער טאָכטער איז א געבענזאַך. ווען איהר וועט זיא מיר ניט געבען, וועל איך פון מיין ענטשלוסס אויך ניט צוריק ווייבען, אָבער איך קען אייך זעהר גוט, מיין ליעבער פריינד, אייער גוטעס הארץ וועט אייך נישט לאָזען צער־שטערן דאס גליק פון צווייא יונגע מענשען, וואס זיינען שוין פון זייער יוגענד אָן פערבונדען מיט דעם הייליגסטען באַנד פון ליעבע. יעטצט שרעקט אייך נאָר דער גדאַנקען אייער טאָכטער אוועקצוגעבען דעם גראַף פּאָטאָצקי, דעם שטאָלצען אונד רייכען קריסט, דעם קינד פון יענע פאָלק, וואס האט אייער פאָלק אַזוי וועה געטהאָן, אָבער מיט פריידען וועט איהר זיא געבען דעם גר, דעם אידען, וואס האט זיך מיט אייער פאָלק פערבונדען, אום מיט איהם צו לעבען אונד צו ליידען, יענעם אידען, וואס זוכט נישט זיין גליק אין דער גרויסער ווייטער וועלט, וואס זוכט דאס נאָר אין זיין א י י ג ע נ ע ה א ר ץ!"

אונבעוועגליך וויא א סטאַטוע איז אהרן לובלינער געשטאַנען אויף זיין פּלאַטץ, נאָר אונטער דער לאַסט פון שווערע גדאַנקען איז זיין קאָפּ פון מינוט צו מינוט אַלץ טיעפער אונד טיעפער אויף זיין ברוסט אַרונטערגעזונקען. ענדליך האָבען זיך צווייא גרויסע טרעהרען פון זיינע אויגען אַראָבגעקייקעלט אונד מיט א בעוועגטער שטימע האט ער אויסגערופען:

— „מעהר קען איך נישט!.... זאָלל זיין וויא גאָטט וויל!.... איהר נעהט נאָך אַמסטערדאַם, הערר גראַף.... איך גיב אייך מיין ברכה אויפ'ן וועג!.... מיין מינגע איז אייערע פון דעם טאָג אָן, אין וועלכען איהר וועט שוין מיט רעכט

קענען טראגען דעם נאמען „איד“.... ווען איהר וועט מיר שרייבען, אז איהר האט שוין אייער ציעל ערדרייכט, וועל איך זיא אייך ברענגען נאך אמסטערדאם, מיין ווארט דארויף!.... נאר איינס מוז איך אייך נאך זאגען: זייט פארזיכטיג! טויזענד סכנות לויערען אויף אייער געפעהרליכען וועג. דיא קלענסטע אונפאר־זיכטיגקייט קען אייך ברענגען דעם זיכערן טויט. זייט געזונד, העדר גראף, אונד געהט מיט גאטט!“

ער האט צו איהם זיין ציטערדיגע האנד אויסגעשטרעקט, אבער דער יונגער גראף אנשטאט זיא צו נעהמען, האט זיך געווארפען אין זיינע ארעמס, האט איהם אהן ווערטער צוגעדריקט צו זיין ברוסט אונד האט א לאנגע צייט גע־וויינט....

פיערטעס קאפיטעל.

אין גראף סטאניסלאוו פאטאצקיס הויז האט געהערשט טרויער אונד שרעקען. מיט א פערשטערטען געזיכט איז דער אלטער גראף אומגעלאפען פון איין צימער צום צווייטען אונד האט זיינע דיענער אללע ווייל א נייעם בעפעהל ארויסגעגעבען. דיא שוואכע אונד קרענקליכע גרעפין יאדוויגא פאטאצקי איז גע־לעגען וויא האלב טויט אויף א זאפע אויסגעצויגען אונד איז פערפאללען פון איין היסטערישען קראמפף אין דעם צווייטען. דער הויז־דאקטאר האט פון איהר נישט אבגעטרעטען אונד האט מיט אללע זיינע קרעפטען געארבייט זיא צו בעלעבען. פון מינוט צו מינוט זיינען אריינגעקומען דיענער מיט דער טרויעריגער מעלדונג, דאס מען האט נאך פון דעם יונגען גראף קיין שפור ניט געפונען.

דיא נאכריכט, אז דער יונגער גראף אדאם פאטאצקי אונד זיין פריינד, דער גראף באגוסלאוו זארעמבא, זיינען פערשוואונדען, האט זיך אין דער גאנצער אומ־געגענד וויא א שנעללער פייער פערברייטעט.

אויך דער גלח אנטאניא בולהאק האט דיעזע נאכריכט בעקומען. ער האט גלייך געלאזט שפאנען זיינע פערד אונד איז געפאהרען אין דעם גרעפליכען שלאס, אום זיך געוויסהייט צו פערשאפען.

— „וויא אזוי איז דאס געשעהן?“ — האט ער דעם אלטען גראף געפרעגט, האסטיג צו איהם אין צימער אריינקומענדיג.

— „מיט דרייא טעג צוריק“ — האט דער גראף סטאניסלאוו געענטפערט — „איז ער אונד דער גראף זארעמבא אוועקגעגאנגען אויף דער יאגד אונד איז מעהר

ניט צוריק געקומען. אין אנפאנג האבען מיר זיך וועגען דעם נישט געקימערט, וויל מיר האבען געגלויבט, דאס זייא געבטינען ערגעץ-וואו אין א דארף ניט וויט פון וואלד, אלס עס איז אבער דער צווייטער טאג פערגאנגען אונד זייא זיינען נאך אלץ ניט געקומען, האב איך דורך מיינע דיענער אללע ארומיגע וועלדער געלאזט אונטערזוכען אונד אין דער גאנצער געגענד נאכפרעגען, ביז יעטצט האט מען פון זייא ביידען קיין שפור ענטדעקט.... וויס גאטט, וואס פאר איין אונגליק עס האט זייא געטראפען!"

— „עס איז זיכער" — האט זיך דיא גרעפין, וואס איז גראדע אין דעם מאמענט צו זיך געקומען, אפגערופען — „אז בערין אדער וועלף האבען זייא צור ריסען!.... אה, מיין קינד, מיין אונגליקליכעס קינד!"

— „אונד איך גלויב עס ניט!" — האט זיך דער גלח אבגערופען — „ווען בערין אדער וועלף וואלטען זייא צוריסען, וואלט מען שפורען פון זייערע קערפערס ערגעץ-וואו געפונען... איך גלויב עפעס וואס אנדערש...."

— „וואס צום ביישפיעל?" — האט איהם דער גראף געפרעגט אונד האט איהם דערבייא פראגענד אונד געשפאנט אנגעקוקט.

— „איך גלויב, אז זייא זיינען אריינגעפאללען צו דיא זשידעס" — האט דער גלח מיט א געוויסער בעשטימטהייט געענטפערט — „אזעלכע זאכען זיינען שוין פיעל מאל פארגעקומען... איהר ווייסט דאך, אז דיא זשידעס דארפען האבען קריסטליכע בלוט אויף זייער פסח!"

דיא קראנקע גרעפין האט פון זיך ווידער ארויסגעשטויסען א ווילדען געשרייא אונד איז פערפאלען אין א נייעם היסטערישען קראמפף.

— „גאטט אין היממעל! זאלל דאס מעגליך זיין?" — האט גראף סטאניסלאוו אויסגערופען אונד האט דיא הענד איבער זיין קאפף צוזאממענגעשלאגען.

— „דאס איז קלאר וויא דער טאג, הערר גראף!" — האט זיך אנטאניא ווידער אבגערופען — „איהר זאלט קיין צייט פערליערען אונד איהר זאללט וועגען דעם גלייך דעם גובערנאטאר מעלדען.... דער זשיד אראן לובלינער מוז דערפון וויסען.... ער מוז גלייך ארעסטירט ווערן!"

— „איהר האט רעכט, הייליגער פאטער!" — האט דער גראף געענטפערט — „איך וועל אויגענבליקליך א קוריער צום גובערנאטאר שיקען!"

ער איז צוגעגאנגען צום טיש מיט דער אבזיכט צו איינעם פון זיינע דיענער

צו קלינגען, אָבער אין דערזעלבינער מינוט איז איינע פון דיא קאממערמיידלעך האסטיג אין זאאל אריינגעגאנגען אונד איהם א פערשלאָסענעם בריעף דערלאנגענדיג, האט זיא אויסגערופען:

— „דער בריעף איז אדרעססירט צו אייך, הערר גראף; איך האב איהם געפונען אויבען אין דעם גראף אדאמס צימּמער!“

האסטיג האט גראף סטאניסלאוו גענומען דעם בריעף, זיינע הענד האבען וויא אין פיעבער פראָסט געציטטערט ווען ער האט דעם קאָנווערט אויפגעריססען אונד זיינע אויגען האבען זיך וויא איינגעגראָבען אין דעם בעשריעבענעם פאפיער. פלוצלינג, אזוי וויא ער וואָלט בעקומען א קלאפ אין דער ברוסט, איז ער הינטער זיך געפאללען אויף א שטוהל, זיין געזיכט האט זיך בעדעקט מיט דיא בלאססקייט פון א טויטען אונד מיט א הייזעריגע שטימע האט ער אויסגעשריען:

— „הייליגע מאריע!.... איז דאס מעגליך?.... מיין אדאם, מיין זוהן.... אזא שאנדע!...... איך וועל דאס ניט איבערלעבען.... ניין, איך וועל דאס ניט איבערלעבען!“

— „וואס איז מיט איהם?“ — האט דער גלח צו איהם צוגעהענדיג געפרעגט.

דער היסטערישער אנפאלל האט גראדע אין דיעזען אויגענבליק פון דער גרעפין יאדוויגא נאכגעלאָזען, זיא האט דיא אויגען געעפענט, האט זיך מיט שרעקען ארומגעקוקט אונד האסטיג אויפשטעהענדיג, האט זיא געפרעגט:

— „סטאניסלאוו!.... וואס איז מיט אונזער אדאם?.... וואו איז ער?.... זאג מיר אללעס!... דוא הערסט? אללעס!“

— „ער איז פאר אונז פערלאָרען.... אויף אייביג פערלאָרען!“ — האט ער געענטפערט אונד א שטראָם טרעהרען האט זיך פון זיינע אויגען ארויסגעגאָסען.

— „ער איז טויט?...... געשטאָרבען?“

— „נאך טויזענד מאָל ערגער פון דעם, מיין אָרעמע יאדוויגא!...... ער איז אוועק נאך אמסטערדאם אום.. אום צו ווערן... א איד!“

— „יעזוס־מאריא!“ — האט דער גלח אויסגערופען אונד האט זיינע הענד איבער זיין קאָפּ צוזאממענגעשלאָגען — „א איד?...... גראף אדאם פאָטאָצקי א איד?“

דער דאָקטאָר האט געמאכט א בעוועגונג מיט דער האנד דיא קראנקע גרעפין אונטערצושטיטצען, ווייל ער האט געגלויבט, דאס פון דער שרעקליכער

נאכריכט וועט זיא בעקומען א נייעם היסטערישען אנפאל, זיא אבער האט זיין האנד אבגעשטויסען, איז האסטיג אויפגעשטאנען אונד האט אויסגערופען:

— „גיב מיר דעם בריעף!...... גיב מיר מיין אדאמס בריעף!"

זיא האט איהם האסטיג אונד מיט קייבענדען אטהעם דורכגעקוקט, מיט יעדער סעקונדע איז איהר געזיכט העללער געווארען אונד גאנץ אנדערש האט שוין איהר שטימע געקלונגען, אלס זיא האט אויסגערופען:

— „ער לעבט!.... וויא דאנק איך דיר, מיין גוטער גאטט!"

— „אונד וואס האסט דוא פון זיין לעבען, דוא אונגליקליכע?" — האט גראף סטאניסלאוו מיט א פינסטערן געזיכט אויסגערופען — „וועסט דוא איהם ווען עס איז אין דיין לעבען זעהן? וועט ער קומען דיך צו בעגלייטען, ווען מען וועט דיך ארויסטראגען צו דיין אייביגען רוה?"

— „ער וועט קומען!" — האט זיא שטילל וויא פאר זיך געענטפערט — „ער וועט געוויס קומען! מיין הארץ זאגט עס מיר!"

דער פאנאטישער גלח האט זיך אנגעצונדען וויא א שטיק פעך.

— „אונד איהר וועט איהם עמפפאנגען, פרוי גרעפין?" — האט ער ציטערנדיג פאר כעס אויסגערופען — „וועט איהר דעם מוטה האבען דעם זשיד צו אייער הארץ צוצודריקען?"

— „ניט דעם א י ד ע ן, נאר דעם מ ע נ ש ע ן!", — האט זיא רוהיג געענטפערט.

— „וועה, וואס איך מוז הערען!" — האט דער גלח ווידער אויסגערופען — „אזוי דענקט א קריסטין, א דאמע פון העכסטען פוילישען אדעל?... אבער איך וועל מיין שולדיגקייט טהאן!... היינט נאך וועל איך דערפון דעם גובערנאטאר דיא אנצייגע מאכען, אונד וועה וועט איהם זיין, ווען ער וועט וועו עס איז וואגען אהער צוריק צו קומען!"

ער איז האסטיג ארויסגעגאנגען אונד האט מיט גרויס גערויש דיא טהיר הינטער זיך צוגעמאכט. גראף סטאניסלאוו איז געזעסען וויא א געבראכענער אונד האט אין דער שטיל געוויינט.

אונד אין צווייא טעג צייט האט מען שוין אין דער גאנצער אומגעגענד געוואוסט, אז דער יונגער גראף אדאם פאטאצקי איז אוועקגעפאהרען אין אויסלאנד, אום א איד צו ווערן....

פינפטע קאפיטעל.

אהרן לובלינער האט שוין מיט זיין קליינע פאמיליע אין ווילנא געוואוינט. דער גראף סטאניסלאוו פאטאצקי, וואס האט געגלויבט, אז זיין ארענדאטאר אהרן לובלינער האט אויף זיין זוהנס ענטשלוסס א איד צו ווערן א גרויסען איינפלוסס געהאט, האט דעם קאנטראקט געבראכען, האט זיינע מיהלען פון איהם צוגענומען אונד האט איהם געצוואונגען דיא געגענד צו פערלאזען. דער שוואכער איד האט געגען דעם שטארקען גראף ניט געקענט מלחמה האלטען אונד האט זיך געמוזט בויגען אונטער זיין אייזערנעם וויללען. ער איז אוועק אין זיין געבורטהס־שטאדט ווילנא אונד האט זיך דארטען בעזעטצט.

איבעראלל האט עס געהייסען, אז ער האט דעם יונגען גראף פאטאצקי איינגערעדט דעם אידישען גלויבען אנצונעהמען אונד שוין מעהר וויא צעהן מאל האט ער געמוזט אויסשטעהן לאנגע דאפראסען בייא דעם גענעראל־גובערנאטאר פון ווילנא וועגען דעם געגענשטאנד. יעדעס מאל פלעגט ער פון געריכט צוריק קומען א צובראכענער, א פערמאטערטער, מיט דער שרעקליכער אויסזיכט, אז דיעזע פיין וועט קיינמאל קיין ענדע נישט נעהמען.

איבער דיא גאנצע הויז איז געלעגען א טרויערוואלקען. אללע זיינען אומגע־גאנגען וויא צובראכען, וויא צום טויט פעראורטהיילטע.

נאר דיא שעהנע מינע אליין האט זיך ניט אומגעביטען. וויא פריהער האבען איהרע דונקעלע אויגען געשטראהלט אין לעבענסלוסט, וויא פריהער האט זיא איהר שעהנעם קאפ, וויא אין א געוויססען שטאלץ, אין דער הויך גע־טראגען.

אונד בייא נאכט, ווען אללע פלעגען שוין שלאפען, אונד זיא פלעגט זיך גע־פינען איינע אלליין אין איהר קליינעם שלאפצימער, פלעגט זיא פון איהר קאסטען ארויסנעהמען א בינטעל צוטריקענטע בלומען, פלעגט עס צוטראגען צו איהרע ליפען אונד פלעגט עס בענעטצען מיט איהרע טרעהרען.

— „נאר איהר זייט מיר געבליבען" — פלעגט זיא אונטער גאנצע שטראמען פון הייסע טרעהרען זאגען — „נאר איהר שטומע עדות פון זיין הייליגע ליעבע!... איהר זייט פערוועלקט, פערטריקענט, אבער זיין ליעבע צו מיר וועט אייביג בליהען!"

דיעזען בינטעל בלומען האט איהר גראף אדאם געגעבען אין יענע נאכט, ווען ער האט פון איהר אבשיעד גענומען, אום נאך אמסטערדאם אוועק צו פאָהרען.

— „זייא וועלען פערבליהען דיעזע שעהנע בלומען — האט ער דאמאלס צו איהר געזאגט — „אָבער מיין ליעבע צו דיר, מיין טהייערע מינגע, וועט נישט אויפהערען! זעה, דוא האסט דאָ דיא פארבען פון ג ל ו י ב ע ן, ל י ע ב ע אונד ה אָ פ נ ו נ ג אונד איך בעט דיך, גלויב, אז גאָטט וועט מיך ברענגען צו מיין ערהאבענעם ציעל, ליעב מיך וויא דוא האסט מיך שטענדיג געליעבט אונד האָף, אז דער שיקזאל וועט אונז פעראייניגען!“

אונד זיא האט געהאָפט, אז דיא גוטע שטונדע וועט שוין באלד קומען. דורך א דריטטע האנד פלעגט זיא פון איהם צווייא מאָל וועכענטליך בריעף בעד־קומען, אין וועלכע ער האט איהר געשריבען, דאס ער האט זיך שוין מגייר געוועזן אונד פיהלט זיך זעהר גליקליך אין זיין נייעם גלויבען. ער געפינט זיך אין הויז פון דעם אמסטערדאמער רב, בייא וועלכען ער לערנט אללע איינצעלהייטען פון דער אידישער אמונה אונד קוים וועט ער מיט דיעזע לעהרען פארטיג ווערן, וועט ער זיא אונד איהר פאטער ארֿאָפברענגען צו זיך אין אמסטערדאם אונד וועט מיט איהר חתונה האבען.

אהרן לובלינער האט אללע דיעזע בריעף געלעזען אונד האט שוין אין דער שטילל געמאכט הכנות צו דער רייזע מיט זיין פאמיליע נאך אמ־סטערדאם.

נאָר איין פונקט האט איהר זעהר בעאונרוהיגט: אדאם פלעגט אין יעדען בריעף זעהר שטארק נאכפרעגען נאך זיין מוטטער אונד האט איהר בעשוואָרען בייא איהר ליעבע צו איהם, איהם אללעס קלאָר אונד דייטליך וועגען זיין מוטטער צו שרייבען.

דיא גרעפין יאדוויגא פאָטאָצקי איז פון יענעם טאָג אן אלץ קראנקער אונד קראנקער געוואָרען, אונד מינגע האט עס אין איהרע בריעף צו איהם פון איהם ניט פערלייקענט.

— „ווייס גאָטט, וואס דערפון וועט ווערן“ — האט זיא צו זיך געזאגט — „ער ליעבט זיין מוטטער מעהר פון זיין לעבען...... פיעללייכט וועט ער וואגען צו איהר צו קומען, אום איהר, פאר איהר טויט נאך אמאל צו זעהן.... עס איז שרעקליך!...“

— „דוא האסט דאס איהם ניט געדארפט שרייבען, מיינע!" — האט איהר פאטער צו איהר געזאגט — „ער איז דאך איהר קינד!....."

— „איך קען אנדערש ניט!" — האט זיא מיט טרעהרען אין דיא אויגען געענטפערט — „ער האט מיך בעשוואָרען, אונד גלויבסט דוא, פאטער, אז ער וועט זיך שטעללען אין סכנה אונד וועט קומען?"

— „ווער ווייס?" — האט ער אויסגערופען — „זיא איז דאך זיין מוטטער אונד בלוט איז קיין וואסער!"

אין דיעזען אויגענבליק איז אסתר אריינגעקומען אונד האט געבראכט דיא בשורה, אז דיא גרעפין יאדוויגא פאָטאָצקי איז נאך האלבע נאכט גע־שטאָרבען.

וויא פון דונער געטראָפען איז מינגע געבליעבען זיטצען אויף איהר פלאטץ....

— — — — — — — — — —

מיט א שווערען הארצען אונד טיעף בעזאָרגט האבען זיך אללע מיטגליעדער פון אהרן לובלינערס פאמיליע געלעגט שלאָפען. יעדער איינער האט געהאט יענעם אונבעוואוסטען אונד פלאגענדען געפיהל, וועלכען דער מענש פיהלט אין דער ער־ווארטונג פון א שטורם.

אָבער דיא נאטור מיט איהר שטרענגע געזעטצע איז שטארקער פון אללע מענשליכע געפיהלען. זיא צווינגט דעם אונגליקליכען זיין עלענד אונד זיינע זאָרגען צו פערגעסען, זיא שליסט אויך צו דיא אויגען פון דעם צום טויט פעראורטהיילטען אונד פערוויעגט איהם אין א שלאָף. קומט איהר שטונדע, לעגט זיא אויף דעם מענשען איהר שטארקע האנד ארויף אונד דער שוואכער מענש מוז זיך בויגען אונטער איהר וויללען.

נאך האלבע נאכט האבען שוין אללע אין אהרן לובלינערס הויז גע־שלאָפען.

דיא איינציגע, וועלכע דער שלאָף האט ניט געקענט בייקומען, איז געוועזען מינגע. דיא נאכריכט פון דער גרעפין פאָטאָצקיס טויט האט אויף איהר אזא שטארקען איינדרוק געמאכט, דאס זיא האט זיך אזוי עלענד אונד אזוי אונגליקליך געפיהלט, פונקט וויא דיא גרעפין וואָללט איהר איינענע מוטער געוועזען. א שטעכע־דינער שמערץ איז איהר געגאנגען דורך איהרע גליעדער אונד איהר הארץ האט

געקלאפּט צום צערשפּרינגען. פערשיעדענע בילדער אונד געדאנקען, איינע שרעק־ליכער פון דיא אנדערע, אין איהר דורך איהר קאָפּ געגאנגען אונד איהר גאנצער קערפּער האט געציטערט וויא אין פיעבער.

אומזיסט האט זיא דיא אויגען געשלאָססען, אומזיסט האט זיא זיך אללע ווײלע איבערגעקעהרט פון איין זייט אויף דעם צווייטען, אומזיסט האט זיא איהר ברענענדיגען קאָפּ פערגראָבען אין קישען, מיט דער האָפנונג דיא שרעקליכע גע־דאנקען אונד דיא שווארצע בילדער צו פערטרייבען, זייא האבען איממער פון דאס נייא אויף איהר איינגעשטורעמט וויא דיא שטורעמדיגע וועללען פון דעם קאָכענדיגען ים, אונד האבען איהר אומגעוואָרפען פון איין אָבגרונד צום צווייטען.

מעהר האט זיא שוין ניט געקענט אויסהאלטען. מיט איין רוק איז זיא פון איהר לאגער אויפגע׳שפּרונגען, האט אָנגעצונדען א ליכט, האט איבער זיך אריבער־געוואָרפען א וואָללענע טוך, איז צוגעגאנגען צום פענסטער אונד האט איהם געעפענט.

א לאנגע צייט איז זיא געשטאנען אין דעם אָפענעם פענסטער. דיא קיהלע נאכט־לופט האט איהר גוט געטהאן אונד איהרע צורייצטע נערווען בע־רוהיגט.

דער דונקעל־בלויער הימּמעל איז ריין געווען פון יעדען וואָלקען. וויא גרויסע ברילליאנטען, איינגענייהט אין א בלוי־זיידענעם פּאָרהאנג, האבען דיא מיללִיאָנען שטערן אראָבגעקוקט אויף דיא איינגעשלאָפענע ערד אונד וויא א גרויסער בעקען פון ריינעם זילבער איז דיא גאנצע לבנה געשטאנען אין מיטען הימּמעל.

זיא האט אראָבגעקוקט אויף דער שטילער גאַס אונד האט גע׳חלומ׳ט מיט אָפענע אויגען.

„אללעס, וואס לעבט אונד אטהעמט, קוויקט זיך יעטצט מיט דעם שלאָף," האט זיא בייא זיך געטראכט, „ווארום קען איך ניט שלאָפען? אונד ער? מיין געליעבטער? שלאָפט ער דען יעטצט ניט? אָבער פיעללייכט ליעגט ער יעטצט אויך מיט אָפענע אויגען אונד טראכט פון מיר.... זיין פאנטאזיע מאלט איהם אויס דעם מאָמענט, דעם זיססען מאָמענט, ווען מיר וועלען צוזאממענקומען, אויף אייביג צוזאממענקומען, אום זיך קיינמאל ניט צו שיידען.... אָה, וויא דערלעבט מען שוין יענעם מאָמענט אונד וויא ווערט מען שוין פרייא פון אללע שרעקליכע געדאנקען!"

„וועט קומען יענער מאָמענט ?.... אָך, ער מאָלט איהם אין זיינע בריעף אזוי שעהן, אזוי געטטליך, אונד דאָך ציטערט מיין הארץ !.... עפּעס קומט מיר פאָר, אז דאס קען גאר ניט זיין, אז דאס איז גאנץ אונמעגליך.... ווארום איז דאס אונמעגליך ?.... ווארום ? איך וויים עס אליין ניט !“....

„אָבער האס פאר א נארישע קינד איך בין ! איך אלליין שאף מיר אזעלכע שרעקליכע געדאנקען אונד צער־שטער מיר מיין גליק, וואס איז שוין אזוי נאָהענט... זיינען מיר דען שוין ניט פארטיג צו דער רייזע ? באלד, נאך עטליכע טעג, אונד מיר וועלען שוין פון דאנען אוועק פאָהרען... דיא רייזע וועט ניט פיעל דויערן, אונד דאן... אָה מיין גוטער גאָטט !...... דאן....“

א לייכטער גערויש אויף דער גאסס האט איהרע געדאנקע: איבערגעריססען. זיא האט דערהערט לאנגזאמע טריט אויף דעם טראָטואר אונד האט זיך בון פענסטער עטוואס ארויס־געבויגען אום צו זעהן ווער געהט דאס נאך אום אזוי שפּעט אין דער נאכט ? זאָל עס דער נאכטוועכטער זיין ?

א דונקעלער געשטאַלט האט זיך פארבייא איהרע אויגען פארבייא געגליטצט אונד איז פערשוואונדען, אונד קוים איז דיא געשטאלט פערשוואונדען, זיינען איהר דיא געדאנקען צוריק געקומען.

„איך מוז איהם שרייבען, אז אין עטליכע טעג ארום פאָהרען מיר ארויס צו איהם“ האט זיא וויעדער צו זיך געזאגט, „וויא וועט דאס איהם פרייען ! וויא וועט דאס איהם גליקליך מאכען ! אָבער איך מוז איהם אויך שרייבען, אז זיין מוטטער איז געשטאָרבען. איך מוז עס. איך האב איהם געשוואָרען אללעס, וואס עס געהט פאָר אין זיין עלטערנהויז צו שרייבען. וואס מאכט עס אויס ? פריהער אדער שפּעטער, ענדליך וועט ער עס דאָך ערפאהרען. פיעללייכט וועט איהם דיא נאכריכט פון מיין האנד ניט אזוי וועה טהאָן !“....

אונד פעסט ענטשלאָססען איז זיא צוגעגאנגען צום טיש אונד האט זיך גע־זעטצט. זיא האט גענומען א קליינעם בויגען פּאפּיר אונד מיט א זיכערער האנד האט זיא פאָלגענדע ציילען אויפגעשריעבען:

„מיין טהייערער אדאם !

מיין פאטער האט שוין אללע זיינע געשעפטען אָבגעשלאָססען אונד האט שוין בעשטימט דעם טאָג פון אונזער אָברייזען. מיר פאָהרען ארויס פון ווילנא נאך אַמסטערדאם דעם 15טען יוני אונד מיר האָפען דעם ערשטען אָדער דעם צווייטען יולי אין אַמסטערדאם אָנצוקומען. פאר דער ערשטער

צייט וועלען מיר מוזען אריינציעהען אין א האָטעל, אונד דאַן וועסט אזוי פריינדליך זיין דרייא צימערן אין א פיינעם האָטעל פאר אונז אָנצו-גרייטען.

נאך איינס, מיין ליעבער אדאם, אָבער דיעזער „איינס“ קלינגט שוין פאר אונז אללעמען פיעל טרויעריגער. דוא ביזט אָבער א מאַן אונד וועסט עס אלס א מאַנן ערטראגען, דען דאס איז געוועזען דער ווילען פון גאָטט.... נעכטען נאך האלבען טאָג איז דיין ליעבע מוטטער געשטאָרבען.... פאר אידר איז דאס גליכער. דער טויט האט איהר פון אללע איהרע קערפער-ליבע אונד גייסטיגע שמערצען בעפרייט. דוא ווייסט דאך וויא לאנג זיא איז קראנק געוועזען אונד וואס פאר א שווערע לאסט דאס לעבען איז פאר איהר געוועזען. וויין זיך אויס, מיין פיעלגעליעבטער אדאם! שיק איהר א פאאר טרעהרען אויף איהר קבר, דאס איז דיין שולדיגקייט אונד דיעזע טרעהרען וועלען דיר דיא טיעפע וואונד פון דיין הארצען היילען.... זייא געזונד, געליעבטער, אונד האָף אויף אונזער באלדיגעס וויעדער-זעהען!

דיין דיך עוויגליעבענדע אונד טרייע

מ י נ נ ע“.

זיא האט איהר האנד אויסגעשטרעקט א קאָנווערט צו נעהמען אונד דיא אדרעססא אויפצושרייבען, אָבער אין דעמזעלביגען אויגענבליק האט זיא דערהערט א לייכטען גערויש הינטער דער טהיר אונד איז צוזאממענגעשראָקען. ווער קען דאס זיין?

זיא האט אָבער קיין צייט געהאט פיעל צו טראכטען, דען אין צווייטען מאָ-מענט האט זיך שוין דיא טהיר געעפענט אונד דאס, וואס זיא האט דערזעהן, האט א שרעקליכען געשרייא פון איהר ברוסט ארויסגערופען.

— „אדאם! דוא?.... דוא ביזט עס?“

אין דעם טאָן פון איהר שטיממע איז געלעגען שרעק אונד היממלישע פריידען.

— „איך בין עס, געליעבטע!“ — האט ער געענטפערט אונד האט איהר אין זיינע ארעמס געשלאָסען — „דיין אדאם! דוא האסט מיך ניט ערווארטעט, ניט אזוי?“

איהרע געדאנקען האבען זיך צומישט. זיא האט אין איהר פרייד אללעס אין דער וועלט פערגעסען, דעם בריעף, וועלכען זיא האט ערשט צו איהם

אנגעשריעבען אונד דיא גרויסע געפאהר פאר איהם, ווען מען זאלל איהם דא געפינען. זיא איז נאר איין מאמענט איבעררא‏שט געוועזען, דאן איז איהר זיין קומען אזוי נאטירליך פארגעקומען. וויא קען עס אנדערש זיין? ער ליעבט זיא דאך, ער איז דאך איהר חתן, וואו דען זאלל ער זיין, ווען ניט ביי איהר?

אונד מיט דעם זיססען געפיהל פון אמת'ן גליק האט זיא זיך אין זיינע ארעמס אריינגעווארפען אונד אונטער א גאנצען ים פריידענטרעהרען האט זיא אויסגערופען:

— „מיין אדאם!...... מיין איינציגער, מיין טהייערער אדאם!...... אך, מיין הארץ קען נאר אזוי פיעל פרייד אונד גליק ניט פערטראגען!"

— „ניט אדאם, געליעבטע!" — האט ער צו איהר געזאגט אונד האט איהר אין איהר רייגעם שטערן א קוש געטהאן — „רוף מיך נישט מעהר ביי מיין פריהערדיגען נאמען!.... איך הייס שוין נישט מעהר „אדאם": יעצט הייס איך: אברהם בן אברהם!"

— „אה!...... דאס האב איך גאר פערגעססען!.... אברהם!.... וויא זיס דאס קלינגט!... אונד וויא שעהן דער נאמען פאסט צו דיר! אברהם!... מיין אברהם!"

זיא האט א פאאר טריט פון איהם אבגעטרעטען אונד האט איהם פון וויטען מיט פריידעשטראהלענדע אויגען בעטראכט.

נאר ניט וויללענדיג האט זיא זיך געמוזט צולאכען. פון דעם פריהערדיגען גראף פאטאצקי איז נאר דאס שעהנע בליהענדע געזיכט געבליבען, פאר איהר איז געשטאנען א אידישער יונגער מאנן אין דער אידיש־פוילישער טראכט פון דאמאלס.

— „הא! הא!" — האט זיא געלאכט — „וויא דוא זעהסט אויס!.... א איד מיט דיא ביינער!"

באלד אבער איז דער געלעכטער אויף איהרע ליפען אבגעשטארבען, א שרעקליכער געדאנקען איז איהר אין קאפ געקומען. דיא געפאהר, אין וועלכע ער שוועבט. נאטט אין הימעל! וואס וועט דאס זיין, ווען מען וועט זיך דערוויסען, אז ער איז דא!... זיא איז מיט איינמאל בלייך געווארען וויא א שטיק קרייד.

— „אברהם! געליעבטער!" — האט זיא מיט א ציטטערדיגער שטימע אויסגערופען — „וויא האסט דוא דאס געוואגט אהער צו קומען?.... ווייסט דוא,

וואס עס קען זיין, ווען מען וועט חלילה ערפאהרען, אז דוא ביזט דאָ ? דוא מוזט צוריק, אוינגעבליקליך צוריק !"

— "זייא רוהיג, טהייערע מיננע !" — האט ער איהר געענטפערט — "איך וויים דיא סכנה, אָבער קיינער וועט מיך נישט זעהן.... איך געה באלד צוריק אונד וועל אייך בייא דעם פרייסישען גרענעץ ערוואַרטען...... איך בין נאר געקומען אייך צו דער רייזע צוצוטרייבען...... קען איך יעטצט דיין פאטער זעהען ?"

— "צו וואס ? מיר זיינען שוין רייזעפערטיג !.... דעם 15טען פאָהרען מיר ארויס.... געה! געה צוריק !.... איך וועל איהם שוין זאגען, אז דוא ביזט דאָ געוועזען אונד דוא וועסט אונז ערוואַרטען בייא דעם פרייסישען גרענעץ !"

— "אונד וואס הערט זיך בייא מיינע עלטערן אין הויז ? ווייסט דוא ניט, וואס מאכט מיין מוטער ?.... מיין ארעמע, אונגליקליכע מוטער !"

מיננעס קאָפּ איז טרויעריג ארונטער געזונקען. זיא האט ניט געוואָנט דיא פרעהליכע שטונדע מיט דיא בעזע בשורה צו פערביטערן.

"שפעטער" האט זיא בייא זיך געטראכט, "ווען מיר אללע וועלען שוין זיין צוזאמען, וועט ער דיא בעזע בשורה לייכטער ערטראגען !"

— "דוא שווייגסט, מיננע" — האט ער אויסגערופען — "דיין שווייגען ער־שרעקט מיך... איז מיין מוטער זעהר קראַנק ?"

— "ניין.... זיא... איז... בעסער... פיעל... בעסער," — האט זיא ארויסגע־שטאַמעלט.

— "גאָטט זייא דאנק," — האט ער אויסגערופען אונד האט זיך געווענדעט צום טיש אויף וועלכען ער האט פריהער זיין מאנטעל אוועקגעלעגט — "פיעללייכט וועט זיא מיר שפעטער מוחל זיין אונד וועט קימען נאך אמסטערדאם, אום מיט מיר זיך צו זעהען... אָבער וואס איז דאס ? א בריעף ? צו מיר ? אונד דיין האנד־שריפט, מיננע ?"

— "עס איז ניט צו דיר... לייג עס אוועק... איך בעט דיך... — האט זיא אויסגערופען אונד האט זיך א וואָרף געטהאָן צו איהם, אום דעם בריעף פון זיינע הענד צו צונעהמען.

אָבער עס איז שוין צו שפעט געוועזען.... ער האט שוין דעם בריעף גע־לעזען.... פון מינוט צו מינוט זיינע אויגען גרעססער געוואָרען, זיינע הענד האבען אָנגעהויבען צו ציטערן אונד מיט איינמאָל האט זיך א שרעקליכער געשריי פון זיין ברוסט ארויסגעריסען:

— „אהו... מיין מוטער... טויט!“

אונד וויא איין אונטערגעהאקטער בוים איז ער געפאללען הינטער זיך אויף א שטוהל.

— „אונד איך... איך בין איהר מערדער,“ — האט ער געיאמערט.

מיננע איז צו איהם צוגעגאנגען, האט גענומען זיין האנד אונד וויינענדיג מיט הייסע טרעהרען האט זיא איהם געזוכט צו בערוהיגען.

— „דוא ביזט נישט שולדיג, געליעבטער... דיין מוטטער איז שוין פון לאנג קראנק געוועזען... דאס איז גאטטעס ווילען, מיין טהייערער, אונד מיר מענשען מוזען זיך בויגען אונטער זיין ווילען.“

איהרע טרויסט ווערטער האבען אויף איהם קיין איינדרוק געמאכט. פיעל־לייכט האט ער זייא גאר ניט געהערט. ער איז בעשעפטיגט געוועזען מיט זיינע אייגענע געדאנקען אונד האט אללעס ארום זיך פערגעסען. פאר זיינע אויגען איז נאר געשטאנען דאס בילד פון זיין טויטע מוטער.

„איך בין געוועזען איהר איינציגער“ האט ער אין זיינע געדאנקען גערעדט“ זיא האט מיך געהאדעוועט. וויפיעל נעכט האט זיא איבער מיר ניט געשלאפען... וויפיעל טרעהרען האט זיא פערגאססען, ווען זיא האט מיך געזעהען ליידענדיג פון שמערצען, פון א קראנקהייט... וויפיעל האט זיא געליטען, ווען זיא האט זיך פון מיר געדארפט שיידען, אלס איך בין אוועק אין גימנאזיום... אונד דאן, שפעטער, ווען איך בין אויף אזא לאנגע צייט אוועק אין אוניווערזיטעט, וויפיעל האט זיא ווידער געליטען... וויא ווענינ זיינען דיא פרעהליכע אונד גליקליכע שטונדען, וועלכע איך האב איהר פערשאפט... מעהר טרעהרען אלס פרייד... אונגליקליכע מוטער... אונד דאן דער לעטצטער שטויס, וועלכע איך האב איהר הארצען געגעבען, דער שרעקליכער שטויס, וואס האט איהר קראנקע הארץ געבראכען... אונד דיא לעצטע מינוט איהרע, וויא שרעקליך האט זיא געמוזט זיין... איהרע האלב־אויסגעלאשענע אויגען האבען מיך געזוכט ארום איהר טויטען בעטט, זיא האט געוויס געוואללט מיטנעהמען איין פריינדליכען בליק פון איהר קינד אין איהר קבר אריין, אבער איהר קינד האט איהר פערלייקענט, ער האט איהר מוטטערעכט מיט דיא פיסס געטראטען אונד האט איהר פערלאזען, אויף אייביג פערלאזען...“

אונד פלוצלינג, אזוי וויא ער וואלט בעקומען א קלאפ פון איין אונזיכטבארען עלעקטרישען שטראם, איז ער פון זיין פלאטץ אויפגעשפרונגען, האט האסטיג גע־באפט זיין מאנטעל אונד מיט דיא ווערטער: „איך מוז זיא זעהן!“ האט ער זיך געווארפען צום טהיר.

מיננע האט איהם וויא פאראליזירט אויף איהר פלאטץ שטעהענדיג אנגע-קוקט, אבער דיעזער פאראליזם האט נאר איין סעקונדע געדויערט. שנעלל וויא א בליטץ איז איהר דער געדאנקען פון דער שרעקליכער סכנה דורך איהר קאפ דורכ-געפלויגען, אונד זיך ווארפענדיג צווישען איהם אונד צווישען דער טהיר, האט זיא אויסגערופען:

— „אדאם!...... אום גאטטעס וויללען...... וואס ווילסט דוא טהאן?"

— „איך וויל צו מיין מוטטער!" — האט ער אין א טאן פון אייזערנער ענטשלאססענהייט געענטפערט — „איך וויל זיא זעהן אונד... אויף איהר קאלטען קערפער זיך אויסוויינען!"

— „אונד ווייסט דוא אין וועלכע סכנה דוא שטעלסט דיין לעבען?.... אדאם, איך בעט דיך, האב רחמנות מיט מיר!... איך וועל דאס נים איבער לעבען!"

— „שווייג!.... קיין מאכט אין דער וועלט וועט מיך דערפון נישט אב-האלטען!... איך מוז זיא זעהן... מיין מוטטער!"

ער האט איהר פון טהיר אבגעשטויסען אונד אין צווייטען אויגענבליק איז ער פערשוואונדען.

זיא האט נאך זיינע טריט אין פארהויז געהערט, דאן איז אלעס ארום איהר שטילל געווארען.

— „ער איז פערלארען!" — האט זיא וויא געבראכען פאר זיך געמורמעלט— „פערלארען!"

איהרע געדאנקען האבען זיך צומישט אונד פערליערענדיג דיא גלייכגעוויכט איז זיא צוזאממען געבראכען אויף א שטוהל.

זעקסטעס קאפיטעל.

אין דעם גאנצען פאלאסט פון דעם גראף סטאניסלאוו פאטאצקי האט מען געהערט דעם אטהעם פון דעם טויט. אין דיא גרויסע צימטערן, וואס זיינען מיט דעם גרעסטען לוקסוס אויסגעפוצט געוועזען, האט זיך ארומגעטראגען א וואלקען פון טיעפען טרויער, אונד דערזעלבער וואלקען איז אויך געלעגען אויף דיא געזיכטער פון אללע מיטגליעדער, וואס האבען געהערט צו דער גרעפליכער הויז געזינד.

דיא געשטאָרבענע גרעפין יאדוויגא פּאָטאָצקי האט זיך שטענדיג אויסגע־צייכענט מיט איהר גוטען כאראקטער אונד מיט איהר גוטהערציגקייט צו יעדען מענשען אונד דארום האט איהר יעדער איינער פון איהרע דיענער מיט אמת'ע טרעהרען בעוויינט.

שטיל, אויף דיא שפּיטצען פינגער, וויא שטוממע גייסטער, זיינען דיא דיענער געגאַנגען פון צימער צו צימער, אום דיא פאָרבערייטונגען צו דער בע־ערדיגונג צו מאכען.

אין איינעם פון דיא הינטערשטע צימערן איז דער אלטער גראף סטאניסלאוו פּאָטאָצקי וויא געלעהמט געזעססען אין א פאָטעל אונד האט זיך ניט גערירהרט. דער שמערץ האט איהם אין גאנצען צובראָכען. ער האט אויך נישט צוגעהערט צו דיא ווערטער פון דעם גלח אנטאָניאָ בולהאק, וואס האט איהם געזוכט צו טרויסטען. נאָר פון מינוט צו מינוט האט ער אויפגעהויבען זיין ארונטערגעזונקענעם קאָפּ אונד האט דורך דער אָפענער טהיר געוואָרפען א טרויעריגען בליק אין דעם צווייטען צימער.

דאָרטען, אויף א גרויסען טיש, איז געשטאנען דיא רייכע טרונע, אין וועלכע דער קערפער פון דיא טויטע גרעפין איז געלעגען. דיא גרויסע וועקסענע ליכט, וואס זיינען איהר געשטאנען צו־קאָפּען, האבען געוואָרפען זייער שיין אויף איהר בלייכען פנים אונד האבען איהם נאך בלייכער געלאָזט ערשיינען. איהרע מארמאָרווייסע הענד זיינען צוזאממענגעלעגט געווען אויף איהר ברוסט אונד דיא נאָגנען (מאנאשקעס) האבען א זילבערנעם צלם אין איהרע טויטע הענד ארייני־גערדיקט.

עטליכע נאָננען זיינען געשטאנען אויף דיא קניע ארום דער טרונע אונד האבען אין דער שטיל געבעטען.

אין דעם גרויסען עמפּפאנג־זאאל פון דעם פּאלאסט זיינען געזעססען דיא געסט, וואס זיינען פון אללע זייטען געקומען, אום פון דער טויטער גרעפין אבשיעד צו נעהמען. דאס זיינען געווען רייכע פּוילישע גוטס־בעזיטצער מיט זייערע פרויען, וואס האבען געוואָהנט אין דער נאכבארשאפט.

פּלוצלינג האט מען דערהערט א גערויש אויף דעם גרויסען הויף אונד אלס דיא געסט האבען זיך ארומגעקוקט, האבען זייא דערזעהן עטליכע קאָזאקען אויף זייערע פערד ארייגרייטענדיג אין דעם הויף, הינטער דיא קאָזאקען איז אין זיין עקיפּאזש נעפאָהרען דער ווילנער פּאָליציימייסטער אונד הינטער איהם איז געקומען

די רייכע עקיפאזשע פון דעם גענעראל־גובערנאטאר, ארומגערינגעלט פון זיין גאנצע סוויטע.

דער אלטער קאממערדיענער פון דעם גראף סטאניסלאוו פאטאצקי איז האסטיג צום גראף אריינגעקומען אונד האט איהם געמעלדעט, דאס דער גענעראל־גובערנאטאר פון ווילנא איז געקומען צום בעזוך.

דער גראף איז אויפגעשטאנען אונד איז מיט שווערע טריט געגאנגען דעם הויכען גאסט צו עמפפאנגען.

— „איך האב געבטען אין דער פריה דיא טרויעריגע נאכריכט בעקומען" — האט דער גענעראל־גובע־נאטאר צו איהם געזאגט, נאכדעם וויא דער גראף האט איהם מיט זיין גאנצע סוויטע אין דעם „טויטענצימער" אריינגעפיהרט — „אונד איך האב מיך גלייך אויף דעם וועג געמאכט, אום אייך מיין הערצליכען בעדויערן אויסצודריקען."

— „וויא זאלל איך אייך דאנקען, עקסעללענץ!" — האט דער גראף מיט טריעהרען אין דיא אויגען געענטפערט אונד האט דעם גובערנאטארס האנד געדריקט — „דער בעוויז פון אייער פריינדשאפט איז מיט יעטצט דאפעלט טהייער, יעטצט, ווען איך בין אזוי איינזאם אונד אזוי עלענד אין דער וועלט!..."

— „עס איז ווירקליך טרויעריג, ווען מען פערליערט אויף איינמאל צוויי פערזאנען, וועלכע עס זיינען אזוי ליעב אונד טהייער געוועזן" — האט זיך דער גובערנאטאר אבגערופען, אונד אום דעם געשפרעך איין אנדער ווענדונג צו געבען, האט ער געפרעגט: — „וועט איהר אייער זוהן שרייבען, אז זיין מוטטער איז טויט, ליעבער גראף?"

— „שרייבען?.... צו וואס?...... האט דער גראף געענטפערט אונד זיין בלייכער פנים האט זיך אין פינסטערע קנייטשען צוזאמענגעלעגט — „ער אלליין האט דעם באנד צווישען אונז צעררריסען.... איך האב קיין זוהן מעהר..."

אין דיעזען אויגענבליק האט זיך דיא טהיר פון צימער האסטיג געעפענט אונד דער יונגער גראף אדאם פאטאצקי איז אין צימער וויא איין אבגעשאססענע קויל אריינגעפלויגען.

זיינע לאנגע האר זיינען אין ווילדער אונארדנונג ארום זיין טויט־בלייכען פנים געהאנגען, דיא נימ־אויסגעשלאפענע אויגען האבען ווילד ארום זיך געקוקט אונד דער אטהעם איז איהם האסטיג אונד שווער וויא דער ווינד פון א בלאזבאלג פון זיין ברוסט געפלויגען.

קיינער האט דעם יונגען מאן אין דיא אידישע קליידער דערקענט אונד אלע האבען איהם מיט שרעקען אונד פערוואונדערונג אנגעקוקט.

— „וואס וויל דא דער זשיד?" — האט וואהרשיינליך יעדער איינער בייא זיך געטראכט.

אדאמס אויגען זיינען געפאללען אויף דעם שיין פון דיא וועקסענע ליכט, אונד איידער אימיצער האט איהם געקענט אבהאלטען, האט ער זיך מיט א יאממער־געשרייא א ווארף געטהאן צו דער טרונע, האט זיין מוטטערס טויטע האנד ערגריפען אונד איז וויא פערגליווערט געווארען אין איין שטיללען שמערץ.

— „מוטטער.... טהייערע, אונגליקליכע, מוטטער!" — האבען זיינע ליפען נאר געקענט ארויסברענגען אונד זיין קערפער איז איבער דעם טויטען קערפער פון דער גרעפין צוזאמענגעבראכען.

א פאאר מינוט איז אין צימער שטילל געוועזן וויא אין א קבר. אללע, וואס זיינען דא געוועזן, זיינען פון שרעק אונד איבערראשונג געשטאנען וויא סטאטועס פון שטיין. יעדער איינער האט געגלויבט, אז עס חלומט זיך איהם א שרעקליכער חלום.

דער ערשטער, וואס איז גיכער פון אלעמען צו זיך געקומען, איז געוועזן דער גלח אנטאניא בוכהאק. זיינע אויגען האבען זיך מיט איינמאל אנגעצונדען אין א ווילדען פייער. ער איז האסטיג צוגעגאנגען צו דעם יונגען גראף, האט איהם פון דער טרונע אבגעשטויסען אונד האט מיט זיי טיעפע באסס־שטיממע אויסגעשריען:

— „בעריהר ניכט, דוא לומפיגער זשיד, מיט דיין שמוטציגער האנד דעם הייליגען קערפער פון דער גרעפין!... פערגעסס ניט, אז זיא איז א ק ר י ס ט י ן!"

וויא בעטענדיג אונד וויא הילפלאזעבענדיג האבען זיך אדאמס נאסע אויגען געווענדעט צו זיין פאטער.

— „פאטער!" — האט ער אויסגערופען — „ערלויב עס מיר!... איך וויל נאר אבשיעד נעהמען פון מיין מוטטער!"

דער אלטער גראף האט זיך מיט פערביססענעם צארן אבגעווענדעט אונד האט נאר ניכט געענטפערט.

אויף דעם גענעראל־גובערנאַטאָרס געזיכט האבען זיך געוויזען אַללע צייכענס פון מיטלייד. ער איז צוגעגאַנגען צום גראַף סטאַניסלאַוו אונד האט צו איהם געזאגט:

— „ערלויבט עס איהם, ליעבער גראַף!...... ער איז דאָך אייער קינד!“

אָבער איידער דער אַלטער גראַף האט נאָך צייט געהאט עפּעס וואס צו ענטפערן, האט זיך דער גלח ווידער אָבגערופען:

— „איך פּראָטעסטיר געגען דעם אין דעם נאמען פון דער קריסטליכער רע־ליגיאָן, אונד איך, הערר גענעראַל־גובערנאַטאָר, פאָרדער איך אויף דעם פער־ברעכער צו אַרעסטירען אונד איהם פאַר א געריכט צו שטעללען!“

— „גוט!“ — האט דער גובערנאַטאָר געענטפערט אונד האט דעם פאַנאַ־טישען גלח א בליק פולל האסס אונד פעראַכטונג צוגעוואָרפען — „איך וועל טהאָן אייער פערלאַנג... איך זעה, אז איהר ווילט בלוט... איהר וועט עס האבען... אָבער דאס בלוט פון דיעזען יונגען מענשען וועט נאָר אויף אייער קאָפּ אונד אויף אייער געוויססען פאַללען!“

אונד דאָן, זיך צום אָפיציער, זיין אדיוטאַנט, ווענדענדיג, האט ער אויס־גערופען:

— „הערר אָפיציר! נעהמט דעם גראַף אדאַם פּאָטאָצקי געפאַנגען, ברענגט איהם אין ווילנא אונד שליסט איהם איין אין טורמע!“

אין פינף מינוט ארום איז פון גראַף פּאָטאָצקיס הויף ארויסגעפאָהרען א פערשלאָססענע קארעטע, אין וועלכע עס זיינען צוויא פערזאָנען געזעססען, דעם גענעראַל־גובערנאַטאָרס אדיוטאַנט אונד דער געפאַנגענער גראַף אדאַם פּאָ־טאָצקי.

עטליכע קאָזאַקען האבען די קארעטע בעגלייטעט....

* * *

דער פּראָצעסס איז בעשטיממט געווען אויף א געוויססען טאָג אונד פון אַללע זייטען זיינען צוזאממענגעקומען נייגיעריגע אונד פעראינטערעסירטע, דעם פּראָצעסס בייצוּוואָהנען. דאס זיינען מייסטענטהיילס רייכע קריסטליכע גוטסבעזיטצער געוועזען פון דער גאַנצער גובערניע, אויך ווייטע אונד נאָהענטע קרובים פון דעם גראַף פּאָטאָצקי.

דיא אידישע געמיינדע פון ווילנא האט אין דער שטיל פערשיעדענע מיטלען געזוכט, אום דעם יונגען גראף פאטאצקי פון דעם זיכערן טויט ארויסצוראטעווען, וויסענדיג, אז דער גענעראל־גובערנאטאר איז אין דעם ענין פיעל טאלעראנטער פון אלע אנדערע בעאמטע, האבען זיך עטליכע פארנעהמע אידען אין דער שטילל צו איהם געווענדעט מיט דער בקשה, אז ער זאלל מיט זיין איינפלוסס אויף דיא ריכטער ווירקען, אונד ער האט זייא ווירקליך צוגעזאגט פאר דעם אונגליקליכען אללעס צו טהאן, וואס ער וועט נאר קענען.

— „איך האף זיין לעבען צו רעטען!“ — האט ער זייא געענטפערט — „איך גלויב, אז זיין איינציגע שטראף וועט זיין: א ו י ס ו ו י י ז ו נ ג פון רוסלאנד.“

מעהר האבען דיא אידען נישט פערלאנגט אונד זיינען מלא שמחה פון דעם גענעראל־גובערנאטארס פאלאסט ארויסגעגאנגען.

באלד אבער האבען זייא איינגעזעהן, אז זעהר האפנונג איז זעהר שוואך, דען א פאאר טעג, איידער דער פראצעסס האט זיך אנגעפאנגען, איז פון פעטערסבורג אראבגעקומען א רוסישער מיטראפאליט (ערצבישאף), וועלכען דיא רעגיערונג האט בעשטיממט דיא לייטונג פון דעם פראצעסס איבערצונעהמען. פון איהם האט מען שוין קיין גוטעס ניט געקענט ערווארטען...

דער פראצעסס איז נאר א קורצער געוועןָ. דער יונגער גראף אדאם פאטאצקי האט נאר נישט געלייקענט. שטאלץ וויא א פרינץ איז ער פאר זיינע ריכטער גע־שטאנען אונד מיט א רוהיגע שטיממע האט ער ערקלערט, דאס ער האט דיא אידישע אמונה נאר דארום אנגענומען, ווייל זיא איז, נאך זיין מיינונג, דיא ערשטע, דיא בעסטע, דיא ריינסטע אונד דיא ערהאבענסטע, דיא מוטטער פון אללע נייע רעליגיאנען. קיינער האט איהם דערצו ניט צוגערעדט אונד ביז יעטצט האט ער נאך קיין חרטה ניט, דאס ער האט עס געטהאן. ער ווייס אויך, וואס פאר א שווערע שטראף עס ערווארטעט איהם, אבער ער איז בערייט יעדער שטראף מקבל באהבה צו זיין.

נאכדעם וויא ער האט זיינע ערקלערונגען געמאכט, האט זיך דער מיטראַ־פאליט פון זיין פלאטץ איפגעהויבען אונד האט צו דיא ריכטער א רעדע גע־האלטען, אין וועלכע ער האט זייא ערקלערט, דאס אזא פערברעכען מוז נאר מיט דעם טויט בעשטראפט ווערן, ווייל אזא פערברעכישע האנדלונג איז א גרויסע סכנה פאר דעם גאנצען קריסטענטהום.

דיא ריכטער האבען נאכדעם דעם יונגען גראף אדאם פאטאצקי פעראורטהיילט צום טויט דורך פערברענען.

דער גענעראל־גובערנאטאר האט זיך צו דער קייזערין עקאטערינע געווענדעט מיט דער בקשה דעם אונגליקליכען גראף אדאם צו בעגנאדיגען, אבער אין א חודש ארום איז פון איהר אנגעקומען דער בעפעהל דעם גראף צו פערברענען.

דרייא טאג נאכדעם האט מען דעם גראף אדאם אין ווילנא עפענטליך פערברענט.

דיא אידישע געמיינדע האט בייא דעם גענעראל־גובערנאטאר אויסגעווירקט, דאס מען זאלל זייא דיא אש פון דעם פערברענטען גראף ארויסגעבען אונד זייא האבען דעם הויפען אש מקבר געווען אויף דעם ווילנער בית־עולם אונטער אין אלטען בארענבוים....

זיעבענטעס קאפיטעל.

א שעה נאך א שעה איז פערגאנגען פון יענעם מאמענט אן, אין וועלכען דער יונגער גראף אדאם פאטאצקי האט מיינעס צימער פערלאזען אונד ווען זיא איז אין א טיעפע אהנמאכט אויף דער ערד צוזאממענגעבראכען. דיא ערשטע שטראהלען פון דער זונן האבען שוין דורך דיא שויבען פון דיא פענסטער אין צימער אריינגעבראכען אונד דיא אונגליקליכע מיינע האט זיך נאך אלץ ניט גע־ריהרט. בלאסס וויא דער טויט אונד אונבעוועגליך וויא א מארמאר־בילד איז זיא געלעגען אין מיטען צימער אויסגעשטרעקט. דיא פינגער פון איהר רעכטע האנד זיינען איינגעגראבען געווען אין דעם וואלד פון איהרע קאסטאניען־בריינע האאר אונד איהר צווייטע האנד האט זיא אין לעטצטען מאמענט פעסט צוגעדריקט צו איהר ברוסט, אזוי וויא זיא האט געוואללט א שארפען ווייטאג אין איהר הארצען דערשטיקען. אין דיעזער לאגע איז זיא אויף גאנצע שטונדען פערגליווערט גע־ווארען. ווען זיא האט געזעהן איהר געליעבטען אדאם פון איהר צימער ארויס געהן, האט זיא געוואוסט, דאס ער געהט אין אזא וועג, פון וועלכען ער וועט שוין מעהר ניט צוריק קומען. דאס איז געווען איהר לעטצטער געדאנקען, אונד דיעזער געדאנקען האט איהר הארץ וויא מיט אייזערנע צואנגען צוזאממענ־געדריקט.

אין דיעזער לאנגע האט איהר עטליכע שטונדען שפעטער איהר מוטער אסתר געפונען. מיט א שרעקליכען יאממער־געשרייא האט זיא זיך אויף דעם לעבלאזען קערפער פון איהר טאכטער געווארפען אונד האט איהר געזוכט צו דערמינטערן. מיט דער הילף פון אהרן קובלינער אונד פון דיא צווייא דיענסט־מיידלעך, וואס זיינען אויף אסתר'ס געשרייען געקומען צו לויפען, האט מען דיא אהנמעכטיגע מינגע געבראכט צו בעטט, אונד ערשט דאמאלס האט זיא ערוואכט אונד האט איהרע אויגען געעפענט.

— „וואס איז דיר, מיין קינד?" — האט איהר דיא בעזארגטע מוטטער געפרעגט.

מיט ווילדע בליקען האט זיך מינגע ארומגעקוקט אין צימטער, האט זיך פון איהר לאנגער האלב אויפגעריכטעט אונד איז באלד צוריק געפאלען אויסברעכענדיג אין א ווילדען היסטערישען געלעכטער.

— „גאטט אין הימטעל!" — האט אסתר אויסגעשריען — „וואס טהוט זיך דא מיט מיין קינד?.... אהרן! לויף געשווינד אונד ברענג א דאקטאר!"

אלס דער דאקטאר איז געקומען, איז שוין דער היסטערישער אנפאלל איבערגעגאנגען. מינגע איז געלעגען מיט געשלאססענע אויגען, אבער איהר גאנצער קערפער האט געברענט אין א ווילדע פיעבער־היטץ. דונקעל־רויטה האבען זיך איהרע באקען געפארבט אונד איהר הייסער אטהעם איז האסטיג פון איהר ברוסט געפלויגען. פון מינוט צו מינוט איז דורכגעפלויגען א שוידער דורך איהר ברענענדיגען קערפער.

— „דאס איז א שטארקער נערווענפיעבער!" — האט דער דאקטאר געזאגט.

פלוצלינג האט דיא קראנקע איהרע אויגען געעפענט אונד איהר צימטערדיגע האנד ווייט אויסשטרעקענדיג, האט זיא אויסגערופען:

— „לאזט איהם ניט געהן!...... האלט איהם צוריק!.... ער געהט שטארבען!.... זייא וועלען איהם דארט מארדען!... אדאם!.... געליעבטער!... ווארום ווילסט דוא מיין טויט?"

אין אזעלכע ווילדע פאנטאזיען האט זיא דעם גאנצען טאג פערבראכט אונד קיין מענש האט ניט געוואוסט דיא ריכטיגע בעדייטונג פון דיזע פאנטאזיען. ערשט נעגען אבענד, ווען עס האט זיך אין גאנץ ווילנא פערבריימעט דיא

נאבריכט, דאס דער גראף אדאם פאטאצקי איז אין זיין פאטערס הויז ארעטירט געוואָרען, האבען אהרן אונד אסתר פערשטאנען, אז דער גראף אדאם האט זייער טאָכטער אין דער נאכט בעזוכט אונד האט פון איהר געוויס ערפאהרען, אז זיין מוטער איז טויט.

וואָכענלאנג האט דער שרעקליכער פיעבער אנגעהאלטען אונד וואָכענלאנג האט דיא אונגליקליכע מיננע געשוועבט צווישען לעבען אונד טויט. ענדליך איז געקומען דער קריזיס אונד דער דאָקטאָר האט ערקלערט, דאס איהר לעבען איז גערעטעט.

אָבער וואס פאר א לעבען איז דאס געווען! דיא שעהנע אונד בליהענדע מיננע איז צו א לעבעדיגען סקעלעט צוזאממענגעשמאָלצען געוואָרען אונד איהר גייסט איז אין גאנצען אויסגעלאָשען. זיא האט זיך קיין זאך פון איהר פריהערדיגען לעבען ניט געקענט דערמאָנען אונד האט נאָר געלעבט וויא א טויטע מאשינע. שטונדעלאנג פלעגט זיא זיטצען אויף איין פלאטץ אונד האלטען דעם בינטעל בלומען צו איהרע בלאססע ליפען צוגעדריקט. זיא האט גאר נישט גערעדט אונד מען האט איהר קיינמאָל ניט געזעהן וויינען.

נאָר איינמאָל, ווען איהר פאטער אונד מוטער זיינען בייא איהר געווען אונד דיא גלעקער פון דיא ארומיגע קלויסטערס האבען אללע מיט איינמאל אנגעהויבען צו קלינגען, האט זיא האסטיג איהר קאָפּ אויפגעהויבען אונד האט מיט א רוהיגע שטיממע געפרעגט:

— „שוין?.... אזוי גיך!.... מען פיהרט איהם שוין.... צום.... טויט?"

אהרן לובלינער האט זיך האסטיג אָבגעווענדעט, כדי דיא אונגליקליכע זאָלל זיין געזיכט ניט זעהן. ער האט נאָר צו גוט געוואוסט, אז דיא אונגליקליכע האט דיא ריכטיגע אורזאכע פון דעם גלאָקענקלאנג געטראָפען....

— „וואס האסט דוא זיך איינגעבילדעט, מיין ליעב קינד?" — האט איהר אסתר געענטפערט — „אדאם וועט פרייא ארויסקומען.... דוא זעה נאָר וואס גיכער געזונד אונד שטארק צו ווערן.... ער וועט געוויס קומען צו דיר!"

— „אָדער איך וועל געהן צו איהם!" — האט מיננע געענט־פערט מיט אזא רוהיגע שטיממע, אזוי וויא זיא וואָלט דארפען מאכען א קליינעם שפאציער־גאנג.

אבט טאג נאכדעם איז מיינע פלוצלינג פון איהר פאטערס הויז פער־שוואונדען געווארען. קיין מענש האט איהר ניט געזעהן דאס הויז פערלאזען אונד קיין מענש האט איהר אויף דער גאסס ניט בעגעגענט. אומזיסט האט מען איהר איבעראלל געזוכט, אומזיסט האט מען נאך איהר אומעטום נאכגעפארשט. ערשט געגען אבענד איז דער קברות־מאנן פון דעם ווילנער בית־עולם געקומען אונד האט דערצעהלט, דאס ער האט זיא געזעהן אויף דעם גראף פאטאצקי׳ס קבר אונד דאס נאך איהר אוועק געהן, האט ער אויף דעם קבר א בינטעל פערטריקענטע בלומען געפונען.

אויף מארגען אין דער פריה איז א גרויסע מאססע מענשען צו דעם ברעג פון דער וויליע (דער ווילנער טייך) צוזאמען געלאפען. מען האט זיך דערוואוסט, דאס צווייא פישער האבען דעם טויטען קערפער פון א יונגע פרויענצימער פון וואסער ארויסגעצויגען.

אונד אללע האבען אין דיא דערטרונקענע דיא מיינע לובלינער דערקענט. זיא האט ווארט געהאלטען. זיא איז צו איהם גע־גאנגען....

ענדע.